הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תשס"ט

דער

# גרײדיצער

# רבי אליהו גוטמאכער זצ"ל

פון פרייסען

דא איז בעשריבען דער וואונדערליכער מופת וואס דער גריידיצער צדיק זצ"ל האט בעוויזען קענען

# צוויי שותפים

וואס האבען עובר געווען אויף תקיעת כף און האבען גע־גנב'ט איינער אונ־טערען צווייטען . און דורכ'ן גריידיצער רב'ס ווערטער האבען זיי זיך געגנוג צרות אנגעליטען , און די גנבה איז לויט רעכנונג צו יעדען צוריק אומגעקערט געווארען .

איבערגעזעצט געווארען פון בעריהמטען ספר וואס דער טארלער רבי שליט"א פון לאדז האט ארויס גינעבען מיט'ן נאמען

# הדרת אליהו

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' יצחק שלאמאוויץ
לאדז נאוואמיעסקא נומר 16
אשר קנה הזכות לצמיתות מאת המחבר הרה"ג ר' יודל ראזענבערג הנ"ל .

# פיעטרקוב

בדפוס הנגיד מו"ה שלמה בעלכאטאווסקי

...ית אגודת חסידי חב...
אהל יוסף יצחק

PRINTED IN POLAND.
DRUK. SIKORA I MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

## דא איז בעשריבען די זעהר אינטערעסאנטע מעשה פון צוויי שותפים. וואס יעדער פון זיי האט געגנב'ט אונטער'ן צווייטען. און דורכ'ן גריידיצער רב'ס ווערטער איז די גנבה צו יעדען צוריק אומגעקעהרט געווארען.

דער גריידיצער רב האט אין דער יוגענד געלערנט מיט ישיבה בחורים תורה. צווישען די תלמידים זענען געוועזען צוויי בחורים פון ברעסלוי, וועלכע האבען זיך שטענדיג גע'חבר'ת און איינער דעם אנדערען האט ליעב געהאט. אזוי ווי זיי זענען אלט געווארען צו אכטצעהן יאהר האט זיי דער גריידיצער רב אהיים געשיקט, זיי זאלען אנהויבען זארגען וועגען חתונה האבען. ווארען אזוי האט זיך שטענדיג דער גריידיצער רב געפיהרט, אז בחורים עלטערע פון אכטצעהן יאהר, האט ער נישט געוואלט האלטען אין זיין ישיבה. פון די צוויי חברים פון ברעסלוי האט איינער געהייסען משה'לע, און דער צווייטער האט געהייסען מאיר'ל. אין דערהיים אין ברעסלוי האבען זיך אויך שטענדיג די צוויי חברים גע'חבר'ת, זיי פלעגען אלע מאהל שפאצירען צוזאמען, לערנען צוזאממען, און האבען באמת ליעב געהאט זיך איינער דעם צווייטען. ווארען ווען זיי האבען זיך געזעגענט מיט'ן גריידיצער רב, האט ער זיי אנגעזאגט זיי זאלען זיך ווייטער חבר'ן און ליעב האבען איינער דעם צווייטען, און האט זיי געבענשט אז דורך דעם וועלען זיי האבען הצלחה און ברכה.

ס'איז פערביי געגאנגען א צייט און די צוויי חברים משה'לע און מאיר'ל האבען חתונה געהאט ביידע פון ברעסלוי. נאך די חתונה האבען זיי זיך באלד געמאכט געשעפטען. משה'לע האט זיך געמאכט א געוועלב פון גרייטע מלבושים, און מאיר'ל האט זיך געמאכט א געוועלב פון אבאוויע מיט אלערליי גרייטע שיך, שטיוועל, קאמאשען. זיי האבען מאכי מצליח געוועזען און האבען זיך גאנץ שעהן מפרנס געוועזען. ביים האנדעל האבען זיך ווייטער די צוויי חברים געהאלטען גאנץ גוט אין פריינדשאפט, איינער דעם אנדערען פלעגט שטענדיג אונטערהאלטען מיט א גמילות חסד און אויך אנדערע טובות וואס נאר מעגליך איז געוועזען.

זיי פלעגען אויך ביידע צו שפיעלען בשותפות אויף דער זאקסישער לאטעריע. האט זיך געמאכט אמאהל אין עטליכע יאהר ארום נאך זייער חתונה, אז זיי האבען געווינען אויף דער לאטעריע בשותפות צוואנציג טויזענד מארק. זיי האבען פערשטאנען, אז די ברכה פון גריידיצער רב, וואס ה'ט זיי געבענשט ביים געזעגנען איז זיי בייגעשטאנען, זיי זאלען בשותפות מצליח זיין. אלזא האבען זיי אבגעשמועסט, אז מיט די צוואנציג טויזענד מארק זאלען זיי האנדלען בשותפות געשעפטען, וואס וועט זיי אונטערקומען אויף פרעמדע ערטער. און די היימישע געשעפטען, וואס זיי האבען ביז אהער, זאלען זיך ווייטער פיהרען דורך די ווייבער מיט משרתים. און כדי די זאך צו פערשטארקען, האבען זיי

בעשטומט

בעשטומט אז זיי זאלען פריהער פאהרען צום גרײדיצער רב, ער זאל זיי געבען א ברכה, זיי זאלען מצליח זיין אין דעם שותפות, און אויך זאלען זיי איהם אוועק געבען דאס מעשר פון דעם געווינענעם געלד, אזוי ווי דער דין איז.

דער גרײדיצער רב האט זיך מיט זיי גאנץ שעהן געפרײדט, און האט זיי געגעבען דעם ברײטען שלום עליכם. ער האט מיט זיי פערפיהרט א לאנגען שמועס. זיי האבען איהם דערצעהלט אלץ, ווי אזוי זיי איז דערגאנגען, צײט זיי זענען פון זיין ישיבה אוועקגעפאהרען ביז היינט. פון דעם געווינענעם געלד האבען זיי איהם בעלײגט דאס מעשר, און זיי האבען איהם דערצעהלט וואס זיי האבען זיך אבגעשמועסט, צו פיהרען בשותפות גרויסע געשעפטען, נאר זיי פערלאנגען פון גרײדיצער רב זיין הסכמה מיט זיין ברכה, און ער זאל זיי שרײבען א כתב שותפות.

דער גרײדיצער רב האט זיי גאנץ גוט אויסגעהארכט און האט זיי אזוי געענטפערט: „איך בין טאקי מסכים צו דעם שותפות, אבער נאר באופן איהר זאלט האנדלען עהרליך. איינער אונטער'ן אנדערען זאל נישט מעלים זיין קיין פרוטה אחת, אזוי נאך זאג איך אייך צו אז איהר וועט האבען ברכה והצלחה". דאן האבען זיי פערלאנגט פון גרײדיצער ער זאל זיי עפעס געבען אויף הצלחה, אבער א קמיע, אבער א מטבע. האט דער גרײדיצער רב זיי אזוי געזאגט: „לאזט אייך דא אבגיסען ביי א חתימה קריצער צוויי מטבעות פון צינק. זיי זאלען אזוי נאך געמאכט ווערען. אויף איין זייט פון די ביידע מטבעות זאל שטעהן א קײלעכדיגע שורה פון די זעלבע ווערטער: „נח יוסף דוד שלמה" · אויף די צווייטע זייט זאל ווייטער שטעהן אויף א קײלעכדיגע שורה די ווערטער פון יעדענס נאמען מיט זיין מוטערס נאמען. דהיינו אויף איין מטבע זאל שטעהן משה בן חנה להצלחה. אויף די צווייטע מטבע זאל שטעהן מאיר בן רבקה להצלחה. אז איהר וועט האבען פארטיג די צוויי מטבעות זאלט איהר מיר די צוויי מטבעות געבען. איך וועל זיי אנשפרעכען און וועל זיי אייך אוועק געבען אויף הצלחה.

ווען די צוויי מטבעות זענען פארטיג געווארען זענען די צוויי ידידים משה'לע און מאיר'ל געקומען צום גרײדיצער רב מיט די מטבעות. דער רב האט זיי געשריבען א כתב שותפות. דערנאך האט ער ביי זיי גענומען די צוויי מטבעות, האט זיי אביסעל געהאלטען אין די האנד. דערביי האט ער אנגעלעגט זיך אויף'ן טיש מיט'ן קאפ אויף די האנד, און איז אזוי געלעגען אנגעדענט עטליכע מינוט. דערנאך האט ער אויפגעהויבען דעם קאפ און האט צו זיי אזוי געזאגט:

„איך גיב אייך די צוויי מטבעות אויף הצלחה. אויב איהר וועט פיהרען דאס שותפות עהרליך, וועט דאס שותפות א קיום האבען. און במשך די צייט פון שותפות זאל יעדער האלטען דעם אנדערענס מטבע. דו, משה'לע, זאלסט האלטען די מטבע וואס אויף איהר שטעהט מאיר'לס נאמען, און דו מאיר'ל זאלסט האלטען די מטבע וואס איז מיט משה'לס נאמען. ובאם דאס שותפות וועט זיך נישט פיהרען עהרליך, וועט דאס שותפות בטל ווערען און יעדער וועט בעקומען צוריק זיין מטבע וואס אויף איהר שטעהט זיין נאמען".

נאך דעם האט זיך ווייטער דער גרײדיצער רב אנגעלעהנט מיט'ן קאפ אויף די

די האַנד אַזוי ווי פֿריהער, און איז וויַיטער אַזוי געוועזען אַ ביסעל פֿערטראַכט, און ווען ער האָט זיך צוריק גלייך געזעצט האָט ער צו זיי אַזוי געזאָגט: „די גמרא זאַגט: „אל יפטר אדם מחבירו אלא מתוך דבר הלכה". דאָס הייסט אַז ווען איינער געזעגענט זיך מיט זיין חבר, דאַרפֿען זיי רעדען עפּעס דברי תורה. און איהר ווילט דאָך איַיך געווים אַצונד געזעגנען, וועל איך מיט איַיך טאַקי רעדען עפּעס דברי תורה, נאָר איהר זאָלט די דברי תורה גוט געדענקען. הער זשע מיך אוים משה'לע! די גמרא זאָגט „צדיקים חביבים עליהם ממונם יותר מגופם". דאָס הייסט, אַז ביי די צדיקים איז זייער געלד אויף זיי מעהר געליעבט ווי זייער גוף. דאָס איז אַלץ נאָר אַז דער גוף איז אויך געליעבט, און דער גוף קאָן בלייבען גוף גאָר גאַנץ אָהן שום שאָדען, דאַמאָלס מעג מען ליעבען דאָס געלד מעהר ווי דעם גוף. אָבער ווען עס האַלט ביי דעם קיום פֿון גוף, דאָס הייסט צו דערהאַלטען דעם גוף, ער זאָל נישט געשאָדעט ווערען, דאַמאָלס דאַרף מען שלאָגען פֿאַר אַ כפרה דאָס גאַנצע געלד.

אַצונד וויַיטער דו מאיר'ל, הער־זשע אויך מיך אוים. די גמרא זאָגט „זרוק חוטרא לאוירא אעיקריה קאי". דאָס הייסט, אַז דו וועסט וואַרפֿען אַ שטעקען אין דער הייך, וועט ער אַראָבפֿאַלען מיט דעם שפּיץ צו דער ערד, אַזוי ווי ער איז אַרוים געוואַקסען פֿון דער ערד. וויַיל יעדע זאַך ציהט זיך צוריק צו זיין שרש. היינט אַצונד קאָנסט דו דאָס גאָר גרינג פֿערשטעהן, מה דאָך ביי אַ שטעקען, וואָס איז אַ לאַנגע זאַך און ער האָט צוויי עקען, איז אַזוי, מכל שכן נאָך ביי געלד, וואָס ס'איז אַ קיַילעכדיגע זאַך, איז אַודאי אַזוי, אַז עס קאָלערט זיך צוריק צום שורש. דאָס הייסט צו דעם מענש וואָס ער האָט עס באמת ערווערבט. נעמטץ איַיך גוט אין זינען אַריין, וואָס איך האָב דאָ אַצונד מיט איַיך געשמועסט און פֿאָהרטץ געזונטערהייד, השם יתברך זאָל איַיך העלפֿען עטץ זאָלט מאַכען גוטע געשעפֿטען".

משה'ל און מאיר'ל האָבען זיך געזעגענט מיט'ן גריידיצער רב און זענען אַהיים געפֿאָהרען קיין ברעסלוי. אויפ'ן וועג האָבען זיי אפילו איינער מיט'ן אַנדערען איבערגעשמיעסט די דברי תורה, וואָס דער רב האָט זיי געזאָגט, נאָר זיי האָבען וועהניג פֿערשטאַנען דעם רב'ס מיינונג, און ס'האָט עפּעס ביי זיי אויסגעקוקט נישט זעהר געהויבען דער שמיעס, און ס'איז ביי זיי געבליבען, אַז דער רב האָט געמוזט זיין דאַמאָלס שלעפֿעריג.

ווען זיי זענען אַהיים געקומען האָבען זיי אָנגעהויבען צו זוכען געשעפֿטען. מעקלערס האָבען זיי פֿאָרגעלייגט פֿערשידענע געשעפֿטען. זיי האָבען געהאַנדעלט מיט וואָהל, מיט מאַטריאַל־האָלץ, מיט שטיין־קוילען און זיי האָבען טאַקי מצליח געווען און זענען רייך געוואָרען. קיין געלד פֿון שותּפֿות האָבען זיי נישט אַרויסגענומען אויף פּרנסה, וואָרען זיי האָבען געהאַט פּרנסה פֿון די היימישע געשעפֿטען וואָס די וויַיבער האָבען געפֿיהרט. איבער דעם איז דער קאַפּיטאַל פֿון שותּפֿות געוואַקסען, און איז אַלע מאָהל גרעסער געוואָרען. אַזוי נאָך זענען זיי געקומען אַלע מאָהל צו גרעסערע געשעפֿטען. און אַזוי באַלד אַז זיי האָבען נישט בעקומען איין גרוים געשעפֿט, וואָס זאָלען דאַרפֿען אַריין צו לעגען דערינען דעם

גאַנצען

בעשטומט אַז זיי זאָלען פֿריהער פֿאָהרען צום גריידיצער רב, ער זאָל זיי געבען אַ ברכה, זיי זאָלען מצליח זיין אין דעם שותפות, און אויך זאָלען זיי איהם אַוועקגעבען דאָס מעשר פֿון דעם געווינענעם געלד, אַזוי ווי דער דין איז.

דער גריידיצער רב האָט זיך מיט זיי גאַנץ שעהן געפֿריידט, און האָט זיי געגעבען דעם ברייטען שלום עליכם. ער האָט מיט זיי פֿערפֿיהרט אַ לאַנגען שמועס. זיי האָבען איהם דערצעהלט אַלץ, ווי אַזוי זיי איז דערגאַנגען, צייט זיי זענען פֿון זיין ישיבה אַוועקגעפֿאָהרען ביז היינט. פֿון דעם געווינענעם געלד האָבען זיי איהם בעלייגט דאָס מעשר, און זיי האָבען איהם דערצעהלט וואָס זיי האָבען זיך אָבגעשמועסט, צו פֿיהרען בשותפות גרויסע געשעפֿטען, נאָר זיי פֿערלאַנגען פֿון גריידיצער רב זיין הסכמה מיט זיין ברכה, און ער זאָל זיי שרייבען אַ כתב שותפות.

דער גריידיצער רב האָט זיי גאַנץ גוט אויסגעהאָרכט און האָט זיי אַזוי געענטפֿערט: „איך בין טאַקי מסכים צו דעם שותפות, אָבער נאָר באופן איהר זאָלט האַנדלען עהרליך. איינער אונטער'ן אַנדערען זאָל נישט מעלים זיין קיין פרוטה אחת, אַזוי נאָך זאָג איך אייך צו אַז איהר וועט האָבען ברכה והצלחה". דאַן האָבען זיי פֿערלאַנגט פֿון גריידיצער ער זאָל זיי עפּעס געבען אויף הצלחה, אָבער אַ קמיע, אָבער אַ מטבע. האָט דער גריידיצער רב זיי אַזוי געזאָגט: „לאָזט אייך דאָ אָבגיסען ביי אַ חתימה קריצער צוויי מטבעות פֿון צינק. זיי זאָלען אַזוי נאָך געמאַכט ווערען. אויף איין זייט פֿון די ביידע מטבעות זאָל שטעהן אַ קיילעכדיגע שורה פֿון דיזע ווערטער: „נח יוסף דוד שלמה". אויף די צווייטע זייט זאָל ווייטער שטעהן אויף אַ קיילעכדיגע שורה די ווערטער פֿון יעדענס נאָמען מיט זיין מוטערס נאָמען. דהיינו אויף איין מטבע זאָל שטעהן משה בן חנה להצלחה. אויף די צווייטע מטבע זאָל שטעהן מאיר בן רבקה להצלחה. אַז איהר וועט האָבען פֿאַרטיג די צוויי מטבעות זאָלט איהר מיר די צוויי מטבעות געבען. איך וועל זיי אָנשפּרעכען און וועל זיי אייך אַוועק געבען אויף הצלחה.

ווען די צוויי מטבעות זענען פֿאַרטיג געוואָרען זענען די צוויי ידידים משה'לע און מאיר'ל געקומען צום גריידיצער רב מיט די מטבעות. דער רב האָט זיי געשריבען אַ כתב שותפות. דערנאָך האָט ער ביי זיי גענומען די צוויי מטבעות, האָט זיי אַביסעל געהאַלטען אין די האַנד. דערביי האָט ער אָנגעלעגט זיך אויפ'ן טיש מיט'ן קאָפּ אויף די האַנד, און איז אַזוי געלעגען אָנגערענט עטליכע מינוט. דערנאָך האָט ער אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

„איך גיב אייך די צוויי מטבעות אויף הצלחה. אויב איהר וועט פֿיהרען דאָס שותפות עהרליך, וועט דאָס שותפות אַ קיום האָבען. און במשך די צייט פֿון שותפות זאָל יעדער האַלטען דעם אַנדערענס מטבע. דו, משה'לע, זאָלסט האַלטען די מטבע וואָס אויף איהר שטעהט מאיר'לס נאָמען, און דו מאיר'ל זאָלסט האַלטען די מטבע וואָס איז מיט משה'לס נאָמען. ובאם דאָס שותפות וועט זיך נישט פֿיהרען עהרליך, וועט דאָס שותפות בטל ווערען און יעדער וועט בעקומען צוריק זיין מטבע וואָס אויף איהר שטעהט זיין נאָמען".

נאָך דעם האָט זיך ווייטער דער גריידיצער רב אָנגעלעהנט מיט'ן קאָפּ אויף די

די האַנד אַזוי ווי פריהער, און איז ווייטער אַזוי געווען אַ ביסעל פֿערטראַכט, און ווען ער האָט זיך צוריק גלייך געזעצט האָט ער צו זיי אַזוי געזאָגט: „די גמרא זאָגט: „אל יפטר אדם מחבירו אלא מתוך דבר הלכה״. דאָס הייסט אַז ווען איינער געזעגענט זיך מיט זיין חבר, דאַרפֿען זיי רעדען עפּעס דברי תורה. און איהר ווילט דאָך אייך געוויס אַצונד געזעגנען, וועל איך מיט אייך טאַקי רעדען עפּעס דברי תורה, נאָר איהר זאָלט די דברי תורה גוט געדענקען. הער־זשע מיך אויס משה׳לע! די גמרא זאָגט „צדיקים חביבים עליהם ממונם יותר מגופם״. דאָס הייסט, אַז ביי די צדיקים איז זייער געלד אויף זיי מעהר געליעבט ווי זייער גוף. דאָס איז אַלץ נאָר אַז דער גוף איז אויך געליעבט, און דער גוף קאָן בלייבען גוף נאָר גאַנץ אָהן שום שאָדען, דאַמאָלס מעג מען ליעבען דאָס געלד מעהר ווי דעם גוף. אָבער ווען עס האַלט ביי דעם קיום פֿון גוף, דאָס הייסט צו דערהאַלטען דעם גוף, ער זאָל נישט געשאָדעט ווערען, דאַמאָלס דאַרף מען שלאָגען פֿאַר אַ כפרה דאָס גאַנצע געלד.

אַצונד וויטער דו מאיר׳ל, הער־זשע אויך מיך אויס. די גמרא זאָגט „זרוק חוטרא לאוירא אעיקריה קאי״. דאָס הייסט, אַז דו וועסט וואַרפֿען אַ שטעקען אין דער הייך, וועט ער אַראָבפֿאַלען מיט דעם שפּיץ צו דער ערד, אַזוי ווי ער איז אַרויס געוואַקסען פֿון דער ערד. ווייל יעדע זאַך ציהט זיך צוריק צו זיין שרש. היינט אַצונד קאָנסט דו דאָס גאָר גרינג פֿערשטעהן, מה דאָך ביי אַ שטעקען, וואָס איז אַ לאַנגע זאַך און ער האָט צוויי עקען, איז אַזוי, מכל שכן נאָך ביי געלד, וואָס ס׳איז אַ קיילעכדיגע זאַך, איז אַודאי אַזוי, אַז עס קאָלערט זיך צוריק צום שורש. דאָס הייסט צו דעם מענש וואָס ער האָט עס באמת ערווערבט. נעמט איך גוט אין זינען אַריין, וואָס איך האָב דאָ אַצונד מיט אייך געשמועסט און פֿאַהרט געזונטערהייד, השם יתברך זאָל אייך העלפֿען עטץ זאָלט מאַכען גוטע געשעפטען״.

משה׳ל און מאיר׳ל האָבען זיך געזעגענט מיט׳ן גריידיצער רב און זענען אַהיים געפֿאָהרען קיין ברעסלוי. אויפ׳ן וועג האָבען זיי אפילו איינער מיט׳ן אַנדערען איבערגעשמיעסט די דברי תורה, וואָס דער רב האָט זיי געזאָגט, נאָר זיי האָבען וועהניג פֿערשטאַנען דעם רב׳ס מיינונג, און ס׳האָט עפּעס ביי זיי אויסגעקוקט נישט זעהר געהויבען דער שמיעס, און ס׳איז ביי זיי געבליבען, אַז דער רב האָט געשמועסט זיין דאַמאָלס שלעפֿעריג.

ווען זיי זענען אַהיים געקומען האָבען זיי אָנגעהויבען צו זוכען געשעפֿטען. מעקלערס האָבען זיי פֿאַרגעלייגט פֿערשיעדענע געשעפֿטען. זיי האָבען געהאַנדעלט מיט וואָהל, מיט מאַטריאַל־האָלץ, מיט שטיין־קוילען און זיי האָבען טאַקי מצליח געווען און זענען רייך געוואָרען. קיין געלד פֿון שותפֿות האָבען זיי נישט אַרויסגענומען אויף פּרנסה, וואָרען זיי האָבען געהאַט פּרנסה פֿון די היימישע געשעפֿטען וואָס די ווייבער האָבען געפֿיהרט. איבער דעם איז דער קאַפּיטאַל פֿון שותפֿות געוואַקסען, און איז אַלע מאָהל גרעסער געוואָרען. אַזוי נאָך זענען זיי געקומען אַלע מאָהל צו גרעסערע געשעפֿטען. און אַזוי באַלד אַז זיי האָבען נישט בעקומען איין גרויס געשעפֿט, וואָס זאָלען דאַרפֿען אַריין צו לעגען דעריינען דעם

גאַנצען

גאַנצען קאַפּיטאַל האָבען זיי געמאַכט צוויי געשעפֿטען און יעדער שותּף האָט בעזונדער געפֿיהרט איין געשעפֿט. דאָס שותּפֿות האָט זיך אַזוי געפֿיהרט עטליכע יאָהר אין בעסטען אָרדנונג און די הצלחה האָט זיי גאַנץ שעהן געשפּיעלט.

ווי געוועהנליך האָבען בײדע שותּפֿים געהאַט קינדער, וועלכע זענען גרויס געוואָרען, און מ'האָט שוין געדאַרפֿט קלערען פֿאַר זיי שידוכים. און דאָס איז דאָך שוין פֿון די אלו דברים שאין להם שיעור, אַז מען גיט אַ גרעסערען נדן טהוט מען דאָך אַ גרעסערען שידוך. דאַן האָט שוין דער יצר הרע בעקומען אַ גוטען פֿאַקט, ער זאָל אָנרעדען די צוויי שותּפֿים, זיי זאָלען אָנהויבען גנב'ענען איינער אונטער'ן צווייטען. יעדער האָט זיך שוין מורה היתּר געווען אויף אַנ'אַנדערען אופֿן. אַמאָהל האָט זיך איין שותּף איינגערעדט: „איך האָב דאָך אַליין אויפֿגעטהון דאָס גאַנצע געשעפֿט, מיין שותּף האָט אפילו נישט געַחלום'ט פֿון אַזאַ געשעפֿט, אַלזאָ אפֿילו אַלס מעקלער איך זאָל מיך רעכענען, מעג איך אויך מיר אַראָבנעמען עטליכע טויזענד מאַרק, ס'וועט אַזוי אויך זיין געַנוג ריוח". דער צווייטער ווייטער האָט זיך אַמאָהל מורה היתּר געווען, ווען זיי האָבען געפֿיהרט צווייערליי געשעפֿטען. „באשר אַז יענער שותּף האָט אַ קלענערע אַרבייט, שלאָפֿט זיך אויס גענוג, לייגט זיך זייגער ניין, און הויפּט זיך אויף זייגער ניין. אבער איך קאָן מיך בשום אופֿן נישט לעגען פֿריהער ווי זייגער צוועלף. און אין דער פֿריה ווייטער זייגער זעקס מוז איך שוין שטעהן אויף די פֿיס, אַלזאָ אפילו איך זאָל מיך רעכענען אַלס משרת, מעג איך מיר אויך אַראָבנעמען עטליכע טויזענד מאַרק, ס'וועט אַזוי אויך זיין געַנוג ריוח". און דאָס איז דאָך בעוואוסט, אַז עבירה גוררת עבירה, אַז זיי האָבען נאָר אָנגעהויבען צו פֿערזיכען דעם טעם פֿון גנבה, האָט עס זיי שוין אַלע מאָהל מעהר און מעהר צו געצויגען צום גנב'ענען. בקיצור צייט זיי האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען צווייערליי געשעפֿטען, איז נישט אַדורך געגאַנגען קיין איין געשעפֿט, וואָס איין שותּף האָט נישט געוואָלט מאַכען די גנבה אונטער'ן צווייטען.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז ס'איז דאַמאָלס געווען אַ שעת מלחמה, דער פּרייס מיט'ן פֿראַנצויז האָבען זיך אָנגעהויבען אַרום צורייסען, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו פֿיהרען צווישען זיך גרויסע מלחמות. און ווי געוועהנליך ביי אַ מלחמה דאַרף מען דאָך האָבען פּאָדריאַטשיקעס, וואָס זאָלען צו שטעלען פּראָוויאַנט פֿאַר די זעלנער. דאָס איז אויך בעוואוסט, אַז אונטער צונעמען זיך צו זיין אַ פּאָדריאַטשיק איז נישט אַזאַ גרינגע זאַך. ערשטענס, דאַרף מען מיטפֿאָהרען אויף די אַלע ערטער ווי דאָס מיליטער געפֿינט זיך. צווייטענס, דאַרף מען קאָנען עטליכע שפּראַכען. און ועל כולם דאַרף מען דערצו אַ גרויסען קאַפּיטאַל. אָבער דאָך הייסט עס פֿון די געהויבענע געשעפֿטען, וואָרען ס'איז גאַנץ גרינג מעשיר צו ווערען ביי אַ פּאָדריאַד ווען ס'איז אַ מלחמה צייט. משה'ל און מאיר'ל די צוויי שותּפֿים האָבען זיך איבער גערעכענט אַז פֿאַר זיי איז ווי געוואונשען צו ווערען פֿון די הויפּט פּאָדריאַטשיקעס, וואָרען קיין געלד פֿעהלט זיי נישט. זיי האָבען זיך אויסגערעכענט אַז זיי קאָנען צוזאַמענשטעלען אַ מיליאָן מאַרק. שפּראַכען קאָנען זיי גאַנץ גוט, דייטש, פֿראַנצויזיש און ענגליש. יונגע און געזונדע מענשען זענען זיי, טאָ פֿאַרוואָס זאָלען זיי נישט ווערען קיין פּאָדריאַטשיקעס. און אויסער דעם

אַלעם

אלעס האט אין יעדען שותף געפיקט דאס הארץ שטילערהייט, אז ביי אזא געשעפט קאן מען דאך עפיס גיכער מאכען די מטבע הינטען ארום, ער זאל גאר נישט דארפען אבצוגעבען קיין דין וחשבון פאר'ן אנדערען שותף. ווארען עס פערשטעהט זיך גאנץ גוט, אז ביי אזא גרוים געשעפט אין א שעת מלחמה, איז אונמעגליך צו האלטען א ריכטיגען רעכנונג. אלזא זענען ביידע שותפים צוגעפאלען צו דעם געשעפט מיט גרוים חשקות. יעדער האט גענומען א האלבען מיליאן מארק אין טאש אריין, און זיי האבען זיך געמאלדען ביי דער פרייסישע רעגירונג, אז זיי ווילען זיך אונטער נעמען צו ווערען פאדריאטשיקעס. און בעוויל זיי האבען געדארפט קאלסיע לעגען, האבען זיי זיך נישט געקאנט אונטער נעמען מעהר ווי יעדער זאל איבערנעמען איין פאלק זעלנער. ס'איז אבער נישט אויסגעקומען אז די צוויי פאלקען זעלנער זאלען זיין פון איין דעוויזיע, ווארען דער פרייס האט געמוזט צוטיילען די זעלנער זיינע אויף דריי ארמיעס צו דער מלחמה, איז אלזא אויסגעקומען, אז משה'ל איז געווארען פאדריאטשיק איבער א פאלק פון די ערשטע ארמיע, און מאיר'ל איז געווארען פאדריאטשיק איבער א פאלק פון די דריטע ארמיע.

די צוויי שותפים האבען זיך אבגעזעגענט אין דערהיים מיט'ן ווייב און קינדער. זיי ביידע האבען זיך אויך געזעגענט איינער מיט'ן אנדערען און ויסעו, זיי האבען זיך אוועק געלאזט יעדער אין אן'אנדער געגענד אריין, אלץ ביי די פראנצויזישע גרענעצען, ווי די מלחמה אפעראציעס זענען אויסגעקומען. און ווי ס'פערשטעהט זיך, איז יעדער פאדריאטשיק געווארען מיט זיין פאלקאווניק קנעפעל ביי קנעפעל, אזוי גוט משה'ל ווי מאיר'ל, און זיי האבען געפיהרט דעם פאדריאד ביד רמה אהן שום מכשול, און ס'האט זיך טאקי אויסגעוויזען אז ס'שטעהט זיי מעשיר צו ווערען.

דאס איז דאך אבער בעוואוסט, אז „השטן מקטרג בשעת הסכנה". דאס הייסט אז ווען דער מענש איז אין א סכנה, איז דער שטן אויף איהם אין הימעל מקטרג, און דערמאנט זיינע עבירות מען זאל איהם בעשטראפען. אלזא איז „כאן מצא הבעל חוב מקום לגבות חובו". דא האט דער בעל חוב געפונען אן ארט אבצונעמען זיין חוב. דאס הייסט אז מען זאל זיך פון הימעל אבערעכענען מיט די צוויי שותפים, וואס זיי האבען געבראכען דאס כתב שותפות, וואס דער גריידיצער רב האט זיי געשריבען, און זיי האבען עובר איסור געוועזן, און עובר תקיעת כף געוועזן, מיט דעם וואס זיי האבען ביידע אנגעהויבען צו גנב'ענען פון שותפות, איינער אונטער'ן אנדערען. ווילען מיר דא בעשרייבען יעדענס אומגליק בעזונדער, וואס מיט זיי האט זיך פאסירט, ווי אזוי זיי זענען געפאנגען געווארען, און פערשווארצט געווארען א לאנגע צייט, געליטען נויט און אויסגעשטאנען פיעל פערשיעדענע צרות, ביז זיי זענען אהיים געקומען בעירום ובחוסר, נאקעט און בארוועס. פריהער וועט דא בעשריבען ווערען וואס האט זיך פאסירט מיט משה'לען, און דערנאך וועט שטעהן בעשריבען, וואס דער אנדערער שותף מאיר'ל האט געליטען.

## משה'לעס צרות.

**דאס איז בעוואוסט אז דער פרייס האט עטליכע מאהל אריינגעהאפט זיך קיין פראנקרייך**

פראנקרייך, אלע מאהל מיט אנ'אנדערע ארמיע. עטליכע מאהל האבען די פראנצויזען געזיגט, ארויסגעיאגט דעם פרייס פון פראנקרייך, דערביי האבען די פראנצויזען גענומען פיעל פרייסיש מיליטער אין פלען. אבער באלד האט דאס פרייסיש מיליטער צוריק אריינגעכאפט זיך קיין פראנקרייך. אזוי האט געדויערט א לאנגע צייט, ביז צום סוף וואס דער נצחון איז געווען ביי די פרייסען א פאלקאמענער, און זיי האבען אריין געדרונגען קיין פאריז.

דער פאלק, וואס משה'ל איז געווען זיין פאדריאטשיק, איז געווען פון די ארמיע וואס האט זיך באלד אריבערגעכאפט איבער די גרעניץ. דער פראנצויז האט די ארמיע אריינגענארט טיעפער און טיעפער אין זיין לאנד אריין, ביז ס'איז געלונגען די פראנצויזען ארום צו רינגלען פון אלע זייטען די ארמיע. אז דער פרייס האט דערשפירט די קלוג, האט ער זיך מיט'ן גאנצען קראפט געלאזט צוריק לויפען אין זיין היים אריין. אבער דאס איז איהם נישט אזוי לייכט אנגעקומען. די פראנצויזען האבען זיי געשניטען פון אלע זייטען, און פיעל פרייסיש מיליטער איז אריינגעפאלען אין פלען צו די פראנצויזען. משה'לס פאלק איז צושלאגען געווארען. און דער משה'ל נעבעך, חאטש ער איז נישט געווען צווישען די זעלנער, נאר עטליכע מייל ווייט פון די מלחמה, איז ער פארט אויך פערנומען געווארען דורך די פראנצויזען.

צום ערשט האבען זיך די פראנצויזען צו איהם צו געטשעפעט, אז ער איז געוויס א שפיאן, און זיי האבען צו איהם געשריגען „מרגל אתה". אלזא וועט מען דיך משפט'ען דורך א פעלדס-געריכט, אבער צו שיסען, אבער צו הענגען. מען האט איהם גענוג געמוטשעט טאג טעגליך מיט אויספארשונגען. און קוים, קוים ס'איז איהם געלונגען דורך מעשה נסים ארוים צו דרעהען זיך פון דעם געפאהר. פיעל האט איהם געהאלפען. וואס ער האט געהאט ביי זיך פערשידענע דאקומענטען מיט קוויטאנציעס פון דעם פראוויאנט וואס ער האט צוגעשטעלט. הכלל מען האט שוין איהם געגלויבט, אז ער איז א פרייסישער פאדריאטשיק. נו, אזא שטיקעל סחורה איז אויך געווען זעהר חשוב ביי די פראנצויזען. עפעס א קליינינקייט, האבען זיי צו איהם אלע מאהל גע'טענה'ט: „ווען דו וואלסט נישט געווען צוגעשטעלט קיין פראוויאנט, וואלט דער פרייס נישט קיין כח געהאט צו שלאגען זיך מיט אונז". הכלל ס'איז אויסגעוויזען געווארען, כנהוג, אז דער איד איז דער גאנצער חייב אין די מלחמה, און ווען נישט ער, וואלט דעם פרייס אפילו נישט גע'חלום'ט מלחמה צו האלטען מיט'ן פראנצויז.

נו וואס טהוט מען אבער דאך מיט דעם אידעל. שיסען אבער הענגען קומט דאך איהם נישט דערפאר, אוועק שיקען איהם ערגעץ אין א שטאדט אריין אין טיעף פראנקרייך גלייך מיט די רעשט זעלנער, וואס זענען גענומען געווארען אין פלען אריין, איז אויך עפיס ביי זיי קיין יושר נישט געווען, ווארען ער איז דאך פארט א גרעסערער חייב ווי א זעלנער. דער זעלנער מוז געהן אין די מלחמה אריין, אבער דער איד איז געגאנגען אנטהון די פראנצויזען צרות, צוליעב דעם וואס עס האט זיך איהם פערגלוסט רייך צו ווערען. איז אלזא געבליבען ביי זיי, אז זיי זאלען איהם אוועקשיקען אין טיעף אפריקא אין א פראנצויזישע קאלאניע

צווישען

צווישען מאראקא און קאנגא, ווי ס'ווערען פערשיקט די פער'משפט'ע פערברעכער אויף א פערשיקונג.

דער לעזער קאן גאנץ לייכט פערשטעהן אז משה'לען האט שוין נעבעך קיין צרות נישט געפעהלט. קוים איז ער אריין צווישען די באנדע ארעסטאנטען, האבען זיי איהם אנגענומען פאר א חברה־מאן, זייערם א קאלעגע. ראשית האבען זיי איהם בעזובט, אויב ער האט נישט ביי זיך עפים געלד. ווארען דאס געלד, וואס איינער פון די חברה־לייט פערמאגט, גייט אריין אין שותפות פאר אלע גלייך. משה'ל איז אבער קיין נאר נישט געוועזן, אין טאש האט זיך נאר געפונען ביי איהם עטליכע מארק. און דאס גאנצע פארמעגען זיינס, וואס ער האט געהאט אראב גע־גנב'עט פון שותפות, פינף און צוואנציג טויזענד מארק, האט ער געהאט אויסגעטוישט אויף גרויסע אסיגנאציעס, נאך איידער ער איז אוועק אין דער מלחמה אריין, און ער האט די אסיגנאציעס, געהאט פערנייט אין די באלעווים פון די שטיוועל זיינע, אזוי אז ס'איז בשום אופן גאר נישט געוועזן צו דערקאנען. צווישען די אסיגנאציעס וואס ער האט געהאט בעהאלטען אין שטיוועל, האט זיך אויך געפונען די צינק מטבע, וואס דער גריידיצער רב האט געגעבען יעדען בעזונדער פון די שותפים אויף הצלחה, און ביי משה'לען איז געוועזן די מטבע מיט מאיר'לס נאמען, אזוי ווי אויבען ווערט געברענגט. אלזא האבען די ארעסטאנטען איהם געגלויבט אז דאס איז זיין גאנץ פערמעגען. זיי האבען ביי איהם צוגענומען דאס געלד און ער איז, הייסט עס, אריין אין דער געזעלשאפט, געווארען א חברה־מאן גלייך מיט אלע. וליתר תיקף ועוז, ער זאל וויסען אויף זיכער, אז ער הייסט שוין א חברה־מאן האט ער בעקומען אנגעשטיסען, דערנאך האט מען איהם אויפגעהויבען מיט אנ'אויסגעשריי וויוואט! וויוואט! אבער דאך האט ער דעם ערשטען חודש געהייסען א מלאדוש, אדער א גרינער, און ער האט געמוזט טהון דאס וואס די אלטע ארעסטאנטען האבען גערארפט טהון. דהיינו ארויסגיסען די אומריינע פעסער, וואשען די פארלאגעס, אויסקעהרען די שטיבען, אויסרייניגען די רינשטאקען, און נאך אזעלכע טייערע כיבודים.

ס'האט אזוי אבגעדויערט העכער ווי א חודש צייט, איידער מ'האט איהם פון דארט אוועק געשיקט נ״ה אפריקא, אין די פראנצויזישע קאלאניע. ווארען מען שיקט נישט אוועק, נאר אז עס זאמעלט זיך אהן א גרויסע פארטיע מיט איינמאהל אוועק צו שיקען. מילא אויב משה'לען איז ביטער געוועזן איידער מ'האט איהם אוועק געשיקט, איז זעלבסט פערשטענדליך אז אויף דעם וועג איז איהם נאך פיעל ערגער געוועזן. אין אפריקא איז דא ווייניג באהנען, ווייניג גוטע וועגען. ס'איז זיי אויסגעקומען צוגעהן געגוג צעהנדליגע מיילען צופוס, אבער אין בלאטעס, אבער אין זאמדען. און די הייסע אפריקאנישע זון האט נישט געשאנעוועט, און האט נישט אנגעקארגט איהרע הייסע שטראהלען אויף די קעפלעך פון די חברותא ארעסטאנטען. נישט איינער איז קראנק געווארען אויפ'ן וועג פון א זון שטאך, און מ'האט די קראנקע געמוזט פיהרען אויף א וואגען. משה'לען האט אפילו אויך גוט וועה געטהון דער קאפ פון די הייסע זונען־שטראהלען. ער האט אבער מורא געהאט דאס צו בעמעלדען פאר'ן עלטסטען, וואס האט אנגעפיהרט מיט די חברותא. דאס איז

געוועזן

געוועזען א יונגער, בייזער, שווארצער אפעציר. ווארען משה'לי האט פערשטאנען זאגען גוט וואס פאר א יחסן א איד איז ביי דעם שווארצען אפעציר. אלזא האט ער זיך אלע מאהל צוגעלעגט צום קאפ א טיך פון קאלט וואסער. ער האט גע־מוזט ארויס בייגען דאס קעפעל און איז געגאנגען מיט די לעצטע כחות.

גאנצע דריי חדשים האט געדויערט, איידער זיי זענען געקומען קיין אפריקא אויף דעם בעשטימטען ארט. פראנקרייך איז שוין בעוואוסט מיט איהרע ערטער, וויאהין זי פערשיקט איהרע פערברעכער. די ערטער געפונען זיך אין פערשיע־דענע געגענדער, גאנץ ווייט פון פראנקרייך. זיי הייסען: טייוועלס־אינזעל, שווארץ־גיהנם, רויט גיהנם, ווייס־גיהנם. דאס ארט ווי משה'לי איז פערשיקט געוואָרען האט זיך גערופען „שווארץ־גיהנם". מיט איין ווארט דארט איז אלץ שווארץ. די מענשען שווארץ, די ערד שווארץ, בהמות, חיות, עופות, הינד, קעץ, אלץ שווארץ. אפילו דאס וואסער וואס מען טרינקט איז אויך שווארץ. די פערברעכער וואס ווערען פערשיקט אויפ'ן שווארצען גיהנם רופען זיך פריי־פערשיקטע. זיי מעגען זיך ארום דרעהן פריי אויף דער גאנצער קאלאניע, נאר אלע דריי טאג דארף יעדער קומען, פארצושטעלען זיך פאר דעם נאטשאלניק, וואס האט איבער זיי צו בעשאפען. ווייטער זענען זיי פריי. זיי מעגען פערדיענען געלד ביי די ארטיגע איינוואוהנער, וואס זענען אלע שווארצע, האלב־ווילדע נעגרעס. דער וואס קאן זיך נישט דארט אזוי גיך ערווערבען עפיס א פערדיענסט, לעבט ער דערוויל אין געהאקטע צרות אויף די רעגירונגס רעכנונג. צוליעב דעם צוועק זענען דארט דא אזעלכע גרויסע קאזארמעס, ווי די לא יצלח'דיגע פערברעכער האלטען זיך אויף. די עסענס וואס זיי בעקומען זענען זעהר געמיין. און פאר דאס מוזען זיי ארבייטען ביי די רעגירונג אלערליי ארבייט, וואס דער נאטשאלניק לעגט זיי פאר. חוץ דעם גלאוונעם נאטשאלניק איז נאך דארט דא אנדערע רעגירונגס בעאמטע, דהיינו אן אפעציר מיט סאלדאטען, אבצוהיטען די ארדנונג. אונטער־אפיצערען וואס געהן מיט צו דער ארבייט מיט די פערשיקטע און נאך פערשיעדענע בעאמטע פון די רעגירונג. איבער זיי אלע איז דא אויף דער קאלאניע א פראנצויזישער גובער־נאטאר, וואס ער איז דארט דער ווירקליכער רעגירער, אזוי ווי א קייזער איבער זיין לאנד.

ווען משה'ל איז אנגעקומען אויפ'ן שווארצען גיהנם, האט מען איהם אויך פריי געלאזט. ער האט זיך געמאכט א זעקעלע האט גענומען א גאנץ ברויט, אביסעל זאלץ, עטליכע צובולקעלעך, און האט זיך ארויסגעלאזט אויף דער קאלאניע זוכען עפיס פערדיענסט. אבער זיין זוכען איז געוועזען גאר אומזיסט. קיין פאבריקען, קיין שרייבערס, קיין בוכהאלטערס ברויך דארט קיינער נישט. קיין שום מלאכה ווייטער האט ער נישט געקאנט. און גלאט צו זיין ערגעץ ווי א משרת האט זיך אויך איהם נישט איינגעגעבען. די נעגערס ברויכען קיין משרתים נישט. אויף צו טראגען די באלעוואָ פון א שטיוועל, ארויסצונעמען עפיס געלד און צו לעבען פאר זיך, האט ער אויך מורא געהאט. ערשטענס, וועלכער נעגער קאן זיך דען אויף פרייסיש נעלד. צווייטענס, האט ער גאנץ גוט פערשטאנען, אז אויב מען וועט זיך דערוויסען, אז ער האט ביי זיך געלד, איז זיין לעבען שוין גאר נישט מער. א ליאדע ווער וועט איהם אנקריכען אין א זייט, און וועט איהם

ערמארדען

ערמאָרדען, כדי צו בערויבען ביי איהם דאָס פאַרמעגען זיינס, אַלזאָ האָט משה'ל זיך איבערגערעכענט אַז ער האָט קיין אַנדערע עצה נישט, נאָר ער זאָל זיך צוריק איבערגעבען איינגאַנצען די אָרטיגע מאַכט. ער וועט אַרבייטען וואָס מען וועט איהם היימען, אַבי מען זאָל איהם געבען עסען מיט אַגעלעגער.

אויפ'ן דריטען טאָג, ווען משה'ל האָט זיך געדאַרפט פאָרצושטעלען פאַר דעם אָרטיגען נאַטשאַלניק, האָט ער זיך געזשאַלעוועט, אַז ער קאָן דאָ גאָר נישט פאַרדינען, און האָט געבעטען מען זאָל איהם אַריינגעמען אין די קאַזאַרמעס אַריין, ער זאָל לעבען אויף דער רעגירונגס רעכנונג, און ער וועט דערפאַר אַרבייטען די רעגירונגס אַרבייט גלייך מיט אַלע פערשיקטע, וואָס געפונען זיך דאָרט, דער נאַטשאַלניק האָט איהם פערשריבען צווישען די ראָטע אַרבייטער, און משה'ל האָט זיך דאָרט אין די קאַזאַרמעס איינגעאָרדענט, געגעסען גלייך מיט אַלע, געשלאָפען גלייך מיט אַלע, און האָט אויך געטהון אַלערליי אַרבייט וואָס מען האָט איהם פאָרגעלעגט. איינמאָהל האָט איהם דער נאַטשאַלניק פאָרגעלעגט, ער זאָל זיך אויסשרייבען פון די ראָטע וואָס אַרבייטען די היימישע אַרבייט, נאָר ער זאָל זיך בעסער איינשרייבען אין אַ ראָטע וואָס אַרבייט ביים קאַנאַל-גראָבען. וואָרען עטליכע מייל ווייט פון דאָרט האָט די פראַנצויזישע רעגירונג געגראָבען אַ קאַנאַל, און די אַרבייטער וואָס האָבען געאַרבייט ביים קאַנאַל האָבען בעקומען, אויסער די לעבענס מיטלען, יעדער בעזונדער צו צוואַנציג סענט טעגליך, און אַזוי ווי דער נאַטשאַלניק האָט באַמערקט, אַז משה'ל פיהרט זיך זעהר אין אָרדנונג, ס'איז נאָך אויף איהם קיין איין מסירה נישט געווען, האָט ער אויף איהם רחמנות בעקומען, און האָט געוואָלט אַז משה'ל זאָל קומען צו עפּיס געלד, איבער דעם האָט איהם דער נאַטשאַלניק פאָרגעלעגט ער זאָל זיך בעסער פערשרייבען צום קאַנאַל-אַרבייט.

משה'ל האָט זיך אָבער איבערגערעכענט, ער איז דאָך פאָרט אַ איד, און ער האָט דאָך פאָרט אַ שטאַרקע האָפנונג, ער זאָל זיך קאָנען פון דעם שוואַרצען גיהנם אַרויסחאַפּען צוריק אויף דער פריי, אַלזאָ האָט זיין האַרץ נישט דערלאָזט, ער זאָל זיך איינשרייבען צום קאַנאַל-אַרבייט, וואָס דאָרט מוז מען אַרבייטען אין שבת גלייך מיט אַלע. אָבער דאָ ביי די היימישע אַרבייט, איז איהם לייכטער אָנגעקומען, ער זאָל זיך קאָנען שבת אַרויסדרעהן פון דער אַרבייט. האָט ער אויף זיך גענומען, ער זאָל בעסער אַרבייטען די היימישע אַרבייט כמעט גאָר בחנם, אַבידער ער זאָל פערדינען געלד דורך חילול שבת.

דורך דעם נסיון וואָס משה'ל איז ביינעשטאַנען, ער זאָל זעהן אָבצוהיטען זיך ווי ווייט מעגליך פון חילול שבת, האָט מען אין הימעל אויף איהם רחמנות בעקומען, און אַ מליץ יושר האָט אָנגעהויבען אין הימעל אויף איהם מלמד זכות צו זיין, מען זאָל איהם ביי־היילפיג זיין פון הימעל, ער זאָל זיך קאָנען פון דעם שוואַרצען גיהנם בעפרייען. אַה דאָס וואָס ער האָט עובר געווען אויף תקיעת כף, און אַ איסור, און אַ קבלת קנין, מיט דעם וואָס ער האָט גע'גנב'עט פון שותפות, דאָס אַלץ וועט ער קאָנען פאַררעכטען קעגען זיין שותף, אַז ער וועט בעפרייט ווערען, וועט ער געוויס אויף דעם תשובה טהון. ובפרט אַז דער אַנדערער שותף האָט דאָך אויך גע'גנב'עט, און האָט אויך אויף דעם זעלבען עובר געווען, וועלען זיי זיך

דאָך

דאך געווים גאר גרינג פערגלייכען, ווען זיי וועלען זיך צוזאמען קומען, און געוויס וועלען זיי זיך דאך איינער דעם צווייטען מוחל זיין אויף אלעם מיט'ן גאנצען הארץ. ווי ס'ווייזט אוים, האט דער מליץ יושר אין הימעל געמאכט א גרויסען רושם, און ס'האט אנגעהויבען צו בלאזען אויף משה'לען א לייכט ווינטעל.

האט זיך געמאכט אמאהל א פרייטאג צו נאכטס, אז משה'ל איז געלעגען אין דער קאזארמע אויפ'ן שעניק מיט'ן שטרויענעם קישעלע, און ער האט נישט געקאנט אזוי גיך אנטשלאפען ווערען. די געדאנקען האבען איהם ארום געטאנצט אויף די געהירען, אזוי ווי די שדים טאנצען. די געדאנקען האבען איהם געשטאכען די געהירען ווי נאדלען. די נערווען האבען אין איהם געציטערט אזוי ווי ביי איינעם וואס דער פיבער שפיעלט זיך מיט איהם ווי א קאץ מיט א מויז. ער האט זיך אנגעהויבען צו דערמאנען, ווי גרוים, און ווי הויך ער איז שוין געשטאנען, און איז יעצט אראבגעווארפען געווארען, אזוי ווי פון א הויכען בארג אין א טיעפען אבגרינד אריין. עס האט זיך איהם פארגעשטעלט ווי זיין ווייב און קינדער וויינען און קלאגען אויף איהם טאג און נאכט. זיי מיינען געוויס אז ער איז ערגיץ אין די מלחמה גע'הרג'עט געווארען. דאס ווייב רעכענט זיך שוין פאר אנ'אייביגע עגינה, די קינדער רעכענען זיך פאר לעבעדיגע יתומים. אט יעצט וויינען זיי געוויס און זאגען, ווי איז נעבעך אוועק געקומען אונזער קרוש-מאכער, אונזער טייערער פאטער. מיין טייערער מאן. און דא איז ער אין אזא געפענגעניש, אז ער קאן בשום אופן קיין בריעף נישט אהיים שרייבען.

בענעצענדיג מיט זיינע טרעהרען דאס שטרויענע קישעלע, האט ער שטילערהייט צו זיך אליין גערעדט: „אוי גוואלד! וואס פאר א זינד האב איך געטהון, אז ס'איז אויף מיר אויסגעגאסען געווארען א זוי גרויסע שטראף?! אידיש האב איך מיך שטענדיג געפיהרט. מיין הויז האב איך אויך איינגעפיהרט אויפ'ן אידישען שטייגער. אין די יונגע יאהרען, ווען איך האב נאר צייט געהאט, האב איך גענוג תורה געלערענט. איך שפיהר מיך גאר נישט, אז איך האב מיך געזאלט קענען גאט אזוי שטארק פערזינדיגען, איך זאל ווערט זיין אזא גרויסע שטראף. נישט אנדערש, נאר איך ווער געשטראפט אויף דעם, וואס איך האב עובר געווען אויפ'ן תקיעת כף, וואס איך האב געגעבען פאר'ן גריידיצער רב. אוי! אוי! דער יצר הרע פון געלד ברענגט אום דעם מענש פון די וועלט. צו כל צרות קומט מען דורך דעם עגל הזהב. וואס האב איך דען היינט פון דעם גנבה'שען געלד, וואס איך טראג ארום אין די שטיוועל? יעצט זעה איך מאקי עפענטליך, אז די עבירות שבין אדם לחבירו, וואס איינער זינדיגט קעגען זיין חבר, זענען שטרענגער, ווי די עבירות שבין אדם למקום, וואס א איד זינדיגט קעגען אייבערשטען".

משה'ל האט זיך אזוי געדרעהט אויפ'ן געלעגער, אלע מאהל אויף אנ'אנדערע זייט. שטילערהייט געחליפעט, שטילערהייט עפים געפלאפעלט, ביז ער איז פארט איינגעשלאפען אין א טיעפען שלאף. דאן האט זיך איהם גע'חלומ'ט אז ער איז שבת ביים גריידיצער רב. ער הערט איהם דאווענען אין בית המדרש. ער הערט איהם זאגען שלום עליכם און קדוש מאכען. דער עולם איז גרוים, ענג ביים טיש, מען שטיפט זיך, מען שוויצט, מען עסט די סעודה, מען זינגט

זמירות

זמירות. הכלל מען הויבט שוין אן ווײן צו טרינקען. דא רופט אוים דער משמש די מענשען וואס ס'איז זײ מכבד מיט ווײן טרינקען. זײ גײען צו צום גרײדיצער דערלאנגען איהם די האנד און זאגען צו איהם „לחיים". דער צדיק ענטפערט יעדען מיט א חן, מיט א שמײכעלע אויפ'ן הײליגען פנים „לחיים טובים ולשלום". אט האט דער משמש א רוף געטהון אויפ'ן הויכען קול, ר' משה'ל ברעסלער מכובד מיט א גלעזעל ווײן. משה'ל שטיפט זיך אדורך מיט אלע קרעפטען, קומט צו נעבען גרײדיצער רב, דערלאנגט איהם די האנד און זאגט „לחיים רבי"!

אבער אזוי ווי נאר דער גרײדיצער רב האט איהם דערזעהן מיט די אויס־געשטרעקטע האנד, האט ער זיך געטהון א ריק צוריק אויף זײן שטול, זאגענדיג דערבײ די ווערטער: „נײן! נײן! די האנד וואס האט עובר געווען אויף תקיעת כף, קאן איך נישט נעמען אין מײן האנד אריין". דערבײ האט ער נאך געהערט אין חלום אנ'אויסגעשרײ פון גרײדיצער רב די ווערטער: „שוטה אײנער! אבער ווי לאנג וועסט דו דארט ארומוואלגערען זיך אויף דעם שווארצען גיהנם"?

פון דעם געשרײ איז ער אויפגעקומען פון שלאף, בעדעקט אינגאנצען מיט א קאלטען שווײס. און אזוי ווי ער האט געעפענט די אויגען איז איהם אײנגעפאלען אין מויל אריין דער פסוק „כפר נפש איש עשרו". דאס הײסט „דאס עשירות קאן נוטצען פאר אנ'אויסלײזונג צום נפש פון דעם מענש". משה'ל האט דעם פסוק וואס איז אריינגעפאלען אין זײן מויל אריין נום איבערגעקײעט, און ער האט דעם פסוק אזוי שטילערהײט עטליכע מאהל איבערגע'חזר'ט. דערבײ האט ער גע־שפיהרט אזוי ווי עפיס א הײלונג וואלט געקומען צו זײן הארץ. אזוי ווי מען וואלט אראבגענומען א שווערען שטײן פון זײן הארץ. גלײך אזוי ווי עמיצער וואלט איהם אײנגעראהמט אין אויער אריין: „שוטה אײנער! דו קאנסט דיך דאך אויס־לײזען פון דעם געפענגעניש מיט דײן עשירות".

משה'ל האט זיך דערמאנט וואס די גמרא זאגט „השכים ונפל פסוק לתוך פיו הרי זה נביאה קטנה". אז א איד חאפט זיך אויף אין דער פריה, און עס פאלט איהם א פסוק אין מויל אריין, הײסט דאס א קלײנע נביאה. און נאך האט משה'ל יעצט באמערקט, וואס דער גרײדיצער רב האט מיט איהם גערעדט די דברי תורה בשעת דעם געזעגענען, אז חאטש בײ צדיקים איז ליבער דאס געלד מעהר ווי דער גוף, אבער פון דעסטוועגען אויב עס האלט דערבײ צו ראטעווען דעם גוף, איז א כפרה דאס גאנצע געלד. די אלע פאקטען זענען בײ איהם אויפ'ן געדאנק קאפוור געשווימען, און אײנס צים אנדערען האט זיך צו געקלעפט. ביז ער האט שוין גום פערשטאנען, אז מען האט איהם, אזוי ווי טעלעגראפירט פון הימעל, אז ער קאן זיך מציל זײן פון דעם שווארצען גיהנם דורך זײן געלד. נאך מעהר האט ער זיך פערוואונדערט אויפ'ן שטארקען רוח הקודש פון גרײדיצער רב, אז ער האט נאך דאמאלס פאראויס געזעהן, וואס פאר אנ'אומגליק ס'שטעהט איהם פאר, משה'ל האט שטילערהײט געפלאפעלט די ווערטער: „אה, וואו ווײזט אויס אז דאס עסק איז נישט אזוי ווי איך מיט מאיר'לען האבען גערעכענט, אז דער גרײדיצער רב איז געווען שלעפעריג בײם געזעגענען, און אז די דברי תורה וואס ער האט דאמאלס מיט אונז געשמועסט, איז נישט אזוי געהויבען.

אה

אה, ניין! מיר האבען טאקי א גרויסען טעות געהאט. איך זעה ערשט אז דאס איז אלס געווען א ענין רוח הקודש, אזוי ווי א נביאה. אה! ווי דערלעבט מען נאך צוריק אהיים צוקומען בשלום, איך זאל נאך די זכיה האבען אנצוקוקען די הײליגע צורה פון גריידיצער רב".

משה'ל האט שוין מעהר נישט געקאנט צוריק אנטשלאפענט ווערען. ער איז אזוי געלעגען ביז די צייט איז געקומען פון אויפהייבען זיך, און ער האט שוין אנגעהויבען צו קלערען תחבולות און עצות, ווי אזוי נאך ער זאל קאנען דורך די הילף פון זיין עשירות בעפרייען זיך פון דעם שווארצען גיהנם. פארלויפיג האט ער נאך ביז אהער נישט געהאט מיט קיינעם קיין שטארק פריינדליך בעציהונג. אבער דאך האט ער שוין פערשטאנען, אז ער האלט פאר א הילף, און אז מסתם וועט זיך שוין עפענען פאר איהם א גלייכער וועג, ער זאל אויף זיכער פערשטעהן וואס ער דארף צו טהון.

מאכט זיך פלוצלונג אזא מעשה, נאך אין דעם זעלביגען שבת. דארט האט זיך אויך געפינען צווישען די קאזארמעס א רעגירונגס שפיטאל. איז דאמאלס דער דינער פון שפיטאל קראנק געווארען, און מען האט געדארפט האבען אין שפיטאל אנ'אנדערען דינער. דער נאטשאלניק האט בעשטומט פאר א דינער אין שפיטאל אריין דעם משה'לען. דארט אין שפיטאל איז פונקט קראנק געלעגען אויף א פוס דער אונטער-אפעציר, וואס האט געפלעגט שטענדיג אנצופיהרען ביי די ארבייט מיט דער פארטיי פערשיקטע, וואס משה'ל האט גיהערט צו זיי. דער אונטער-אפעציר האט געהייסען „גירא". אז ער האט דערזעהן משה'לען, האט ער זיך מיט איהם געפרייט, און האט געזאגט צו איהם: „איך רעכען אז פון דיר וועל איך זיין בעסער צופריעדען, ווי פון יענעם גראבען קאפ, דעם דינער וואס איז קראנק געווארען. דו האסט דאך עפיס א אידיש קעפעל, מסתם וועסט דו ניכער טויגען צו אלעם".

משה'ל האט איהם צו געשמייכעלט און האט געזאגט: „ווערט איהר זעהן הערר גירא, אז איהר וועט געוויס זיין פון מיר צופריעדען. און משה'ל האט זיך טאקי געפלייסט ביי יעדער זאך, ער זאל געפונען חן אין זייערע אויגען, ער האט געהאלטען אלע זאכען זעהר ריין און שעהן, אז אפילו דער דאקטאר האט אויך פון איהם גאר געקוואלען. דער אונטער-אפעציר גירא האט איהם אלע טאג ליע-בער בעקומען. משה'ל פלעגט בעקומען פון איהם אלע מאהל קליינע מתנות, אמאהל צוואנציג סענט, אמאהל א האלבען פראנק. בקיצור ער איז געווארען מיט דעם גירא אזוי ווי מ'זאגט, קנעפעל ביי קנעפעל. דער פוס פון דעם אונ-טער-אפעציר האט זיך שוין געהאלטען ביים אויסהיילען אינגאנצען, און דער דאקטאר האט איהם געזאגט, אז אין דריי טעג ארום וועט ער שוין ארויסגעהן פון שפיטאל.

דאמאלס איז שוין געווען די דריטע וואך, וואס משה'ל איז געווען דינער אין שפיטאל, האט גירא צו איהם געזאגט: „דו ווייסט, אז איך געה שוין באלד ארויס פון שפיטאל, זאג מיר וואס פאר א טובה פערלאנגסט דו פון מיר, וועל-בעס איך וועל דיר קאנען אבדינען פאר דעם, וואס דו האסט מיך אזוי גוט אבגעהיטען ביי מיין קראנקהייט".

דערביי

דערביי איז פונקט קיינער נישט געוועזען אין דעם צימער, און קיינער האט נישט געקאנט הערען דעם שמועס, וואס דא איז צווישען זיי פארגעקומען. דאן האט זיך משה'ל א ווארף געטהון צו זיינע פיס, און מיט א וויינענדיגע שטימע האט ער איהם אנגעהויבען צו בעטען, ער זאל איהם העלפען ענטלויפען פון דעם שווארצען גיהנם. משה'ל האט זיך ביי איהם געבעטען ווי א קליין קינד, און ער האט איהם דערצעהלט, אז ער איז קיינמאל קיין פערברעכען נישט בעגאנגען, ער איז א רייכער סוחר און האט איבערגעלאזט אין דערהיים א ווייב מיט זעקס קינדער, וועלכע וויסען גאר נישט ווי זיין געביין איז אהינגעקומען, און גאר אומשולדיג איז ער דא פערשיקט געווארען.

גירא איז שטארק געריהרט געווארען פון משה'לס געוויין, און ער האט איהם קודם כל בערוהיגט, ער זאל נישט וויינען. נאכהער האט גירא צו איהם געזאגט: „אבער דער שריט איז דאך זעהר א געפעהרליכער! דא אז מען חאפט איינעם ביים ענטלויפען, ווערט ער באלד דערשאסען אהן דין ומשפט. און ביי אלע גרעניצען פעהלט נישט קיין שומרים, הייסט ווי אזוי קאנט איהר אייך איינשטעלען דאס לעבען.

אזוי ווי משה'ל האט דערזעהן, אז גירא האט טאקי מיט איהם באמת מיטלייד, האט ער שוין פערשטאנען, אז דא פעהלט נישט מעהר ווי א שמעלץ צו צוטהון. דאן האט משה'ל צו איהם געזאגט: „הויכגעשעצטער הערר גירא! אמת אז איך פערלאנג פון אייך א טובה אויפ'ן גאנצען לעבען, אבער איך פערלאנג דאס נישט אומזיסט, איך וועל אייך צוריק א טובה טהון, אויך אויף אייער גאנצען לעבען. ווארען לויט ווי איך דערקאן אייך, אז איהר זענט א עהדלער מענש, קאנט איהר דען זיין באמת צופריעדען פון אזא דיענסט, ארום צורייסען זיך שטענדיג מיט געפעהרליכע פארברעכער, און צו געפינען זיך אויף אזא אונגעזונדען קלימאט צווישען האלב ווילדע נעגערס. העלפט מיר צו בעפרייען זיך פון דעם שווארצען גיהנם, וועל איך אייך צוריק העלפען, אז איהר וועט אייך אויך קאנען אויף עוויג בעפרייען פון דער געמיינער דיענסט.

גירא האט אויף משה'לען געקוקט מיט גרויס פעדוואונדערונג, און האט צו איהם געזאגט: „אויבוואהל ס'קאן זיין אז אין דערהיים זענט איהר טאקי רייך, אבער דא זענט איהר דאך ארעם גלייך מיט אלע פערשיקטע, הייסט מיט וואס קאנט איהר מיר דא א טובה טהון, עס זאל מיר לוינען איך זאל מיין אמט פערלאזען".

משה'ל האט איהם געענטפערט: „הויכגעשעצטער הערר גירא! די זאך איז נישט אזוי ווי איהר מיינט. די זאך קאן גאר האבען אנ'אנדערען גאנג. איך קאן אייך ענטדעקען א געהיימניס, וואס אלע אייערע פראגעס וועלען אליין פערענטפערט ווערען, און איהר וועט זיין העכסט צופריעדען. אבער דאך ענטשולדיגט מיר. איך קאן ביי מיר נישט פועל'ן צו ענטדעקען פאר אייך דאס גרויסע געהיימניס, ביז איהר וועט מיר צו שווערען אויף צוויי זאכען. ערשטענס, אז די ענטדעקונג פון דער געהיימניס וועט מיר אויף קיין פאל נישט שאדען. צווייטענס, אז איהר וועט אונזער שמועס. אויף קיין פאל פאר קיין שום מענש נישט דערצעהלען".

„יא, דאס זענט איהר גערעכט". האט גירא איהם געענטפערט. „דאס איז
וואהר

וואהר, אז סײַ ווי סײַ, צו וועט יא פון דעם שמיעס עפּיס צווישען אונז בעשטוכט ווערען, צו נישט, מאר פון דעם קײַן מענש נישט געוואהר ווערען. אלזא פערלאנג איך פון אײַך איהר זאלט מיר דאס זעלבע אויך צו שווערען, אז אויף יעדען פאל, זאלט איהר אונזער שמיעס פאר קײַנעם נישט ענטדעקען".

משה'ל און גירא האבען זיך געגעבען די הענד, און זײַ האבען געשוואהרען בײַדע, אײַנער צום אנדערען, אזוי ווי יעדער פון זײַ האט פערלאנגט. נאכדעם האט משה'ל דערצעהלט צו גירא דעם גאנצען סוד, אז ער האט בײַ זיך אין די שטיוועל פערנײַט פינף און צוואנציג טויזענד מארק אסיגנאציעס דײַטשיש געלד, און אז ער איז גרײַט איהם די גאנצע סוממע אוועק צו געבען פאר דעם, וואס ער וועט איהם העלפען זיך צו בעפרײַען.

אז גירא האט זיך דערוואוסט פון אזא גרויסע סוממע געלד האט ער שוין גאר מיט אנ'אנדערען טאהן גערעדט צו משה'לען. ער האט צו איהם געזאגט: „נו פאר אזא סוממע געלד איז גאר עפּיס אנדערש. אצונד לוינט זיך שוין טאקי יא אויסצוקלערען א פלאן, ווי אזוי מיר בײַדע זאלען דעם שווארצען גיהנם פטור ווערען. אבער איך וויל פונדעסטוועגען מיך ערקונדיגען צו אײַערע רײד זענען אינגאנצען וואהר. איך פערלאנג פשוט קודם כל דער עיקר צו זעהן, אויב ס'געפינט זיך טאקי דא בײַ אײַך אזא גרויסע סוממע געלד, דערנאך וועלען מיר ערשט רעדען צו דער זאך.

משה'ל האט א ווארף אראב געטהון פון זיך בײַדע שטיוועל און האט געזאגט צו גירא'ן: „אין יעדען שטיוועל איז אין די חאלעווא פערנײַט אין דעם שטײַפענג אסיגנאציעס אויף צוועלף טויזענד פינף הונדערט מארק. טרעגט אויף פאמעלעך אײַן שטיוועל, וועלכען איהר ווילט, און אז איהר וועט דארט געפונען די בעשטימטע סוממע, וועט איהר שוין וויסען אז די זעלבע סוממע געפינט זיך אויך אין צווײַטען שטיוועל". גירא האט צו איהם געזאגט: „איהר זענט טאקי גערעכט, ווארען ס'איז קײַן צײַט נישט דא לאנג צו שפּילען זיך בײַ די שטיוועל, עס קאן נאך ווער ארײַנקומען".

די ארבײַט איז געמאכט געווארען גאנץ שנעל. גירא האט נישט געקליבען נאר האט א נעם געטהון אײַן שטיוועל, די חאלעווא איז געווארען אויפגעטרענט, די אסיגנאציעס האבען זיך אויסגעצעהלט פּינקטליך אזוי ווי משה'ל האט געזאגט צוועלף טויזענד פינף הונדערט מארק. עס איז בײַ זײַ געבליבען זײַ זאלען קודם דאס געלד צוריק בעהאלטען און פערנײַען גוט אזוי ווי ס'איז געוועזען, ביז גירא וועט אויסקלערען א פלאן ווי אזוי זײַ זאלען זיך קאנען בעפרײַען. פונקט האט גירא געטראפען אויף צו טרעגען דעם שטיוועל, וואס אין איהם איז נישט געלעגען פערפאקט די צינק מטבע, וואס דער גריידיצער רב האט זײַ געגעבען אויף הצלחה. נאר די מטבע איז געבליבען ליגען אין אנדערען שטיוועל אומבערירט.

די זעלבע נאכט נאך האט גירא געזאגט צו משה'לען, אז ער האט שוין אויבגעארבײַט א גוטען פלאן. אבער ער וועט ערשט קאנען פערווירקליכט ווערען, נאך דעם וואס ער וועט ארויס פון שפּיטאל, און ער וועט זיך צוריק נעמען צו זײַן אמט.

דער פלאן איז בעשטאנען פון דעם. אזוי ווי גירא איז געוועזען א אונטער-
אפעציר

אפעציר, פלעגט ער אלע חודש שיקען א זעלנער, און אמאהל צוויי זעלנער, נאך מאראקא, זיי זאלען איינקויפען די נויטיגע פראדוקטען און שרייב געציג, וואס מ'האט געדארפט האבען אין די קאזארמעס. אויף דעם האט ער געפלעגט נעמען פריהער א רעכנונג פון נאטשאלניק. דערנאך האט ער זיך געדארפט ווענדען צום אפעציר, ער זאל איהם געבען איין זעלנער אבער צוויי, זיי זאלען געהן נאך מאראקא איינקויפען. אזא וועג האט שטענדיג געפלעגט צו געדויערן פון דריי ביז פיער טעג. דעם זעלנער פלעגט מען מיטגעבען אביסעל געלד, און די רעשט האט מען גענומען אויף א רעכנונג.

גירא האט ארויסגענומען פון נאטשאלניק די נויטיגע פאפירען. אבער ער האט זיך דאס מאהל נישט געווענדעט צום אפעציר נאך א זעלנער, נאר ער האט גענומען זעלנערעש אנטיהכץ און האט מלביש געווען משה'לען ביינאכט. ער האט איהם אויך צו געגעבען א קינזשאל מיט אנ'אנגעלאדענטען רעוואלווער, פונקט אזוי ווי א זעלנער. די שטיוועל מיט'ן געלד, וואס משה'ל האט געטראגען, האט גירא פון איהם צוגענומען און האט זיי זיך אנגעטהון. פאר משה'לען האט ער געגעבען זיינע שטיוועל. גירא האט משה'לען ערקלערט, אז אזוי גוט דא ווי אין גאנץ פראנקרייך טאר ער סיי ווי נישט ארויסווייזען קיין פרייסיש געלד, כדי ער זאל נישט ציהען אויף זיך קיין אויפמערקזאמקייט פון דער רעגירונג. און אזוי ווי ער וועט סיי ווי מוזען ענטלויפען פון פראנקרייך, ווארען אויפ'ן פינפטען טאג וועט מען דאך דא געוואהר ווערען, וואס פאר א פאלש ער האט דא געמאכט. איז אלזא גלייכער פאר איהם ער זאל אזוי טראגען דאס געלד פערנייט אין די שטיוועל, ביז ער וועט קומען אין אנ'אנדער לאנד אריין. אויך האט גירא גוט אויסגעלערענט משה'לען, וואס ער זאל זאגען פאר די זעלנער, וועלכע שטעהן ביי דער גרענעץ. געלד האט משה'ל בעקומען פון גירא'ן גאנצע צעהן פראנק, און ער האט איהם קלאר געמאכט די וועגען וואס ער האט צו געהן ביז מאראקא. נאך האט גירא איהם געווארענט, אז ער זאל נישט אריינגעהן קיין מאראקא אין די זעלנערישע מלבושים, נאר ער זאל ערגעץ ווי נאך די גרענעץ די זעלנערישע מלבושים בעהאלטען, און זאל בעסער קיין מאראקא אריינקומען ציוויל געקליידעט, נאר דעם רעוואלווער האט ער איהם געהייסען טראגען שטענדיג ביי זיך, ווארען דער וועג איז געפעהרליך פון ווילדע חיות און פון ווילדע נעגערם. „דארט אין מאראקא" האט גירא צו משה'לען געזאגט „וועסט דו שוין גאר קיין מורא נישט האבען פאר דער פראנצויזישער רעגירונג, דארט וועסט דו שוין זיין אין גאנצען פריי, און דו וועסט שוין געוואהר ווערען, דורך וועלכען וועג דו זאלסט דיך לאזען אין דיין מדינה אריין". דער גאנצער שמועס איז אבגערעדט געווארען פארטאג, ווען ס'איז נאך געווען גוט טונקעל אין דרויסען. משה'ל מיט גירא'ן האבען זיך צוקושט און געזעגענט זיך. נאכדעם האט משה'ל באלד געמאכט דעם „ויברח".

יעצט וועט מען לאזען משה'לען ארום בלאנקען זיך אויף דער פריי, אזוי ווי אנ'ארעמער בעטלער, פון דארף צו דארף, פון שטאדט צו שטאדט. און מ'וועט זיך אביסעל צו קוקען וואס איז געווארען פון די רעשט פערזאנען. גירא האט באלד געזעהן צו בעווארענען, אז מ'זאל חאטש אין די פיער טעג נישט בעמער-

קען דעם פאלש, וואס ער האט דא געמאכט. כדי ער זאל אויך קאנען באלד מאכען פליטה. אין שפיטאל אריין האט ער דערוויל אריין געשיקט אנ'אנדערען דיעער. נאכהער האט ער אנגעגעבען א ביטע צום נאטשאלניק, מען זאל איהם געבען אורלויב אויף א מאנאט צייט, ער וויל פאהרען נאך פאריז צו א גרויסען פראפעסאר וועגען זיין פיס, וואס ער שפירט נאך שטארק אנ'אינערליכע וויטאג. די אלע נויטיגע דאקומענטען האט גירא געזעהן ווי אמשנעלסטען צו בעקומען א ביסעל געלד פון דער רעגירונגס קאסע, האט ער בעקומען א קאנטע אויף זיין געהאלט, וואס ער בעקומט. און אויפ'ן צווייטען טאג נאך משה'לס פליטה, האט ווייטער גירא געמאכט זיין פליטה.

אין ברעסלוי איז דערוויל געווען ביי די צוויי פאמיליעס פון משה'לען און פון מאיר'לען חשך ואפילה. געגוג און געגוג טרעהרען האבען די צוויי פאמיליעס פערגאסען, אז זיי האבען שוין מעהר ווי א האלב יאהר צייט קיין שום ידיעה פון זייערע מענער נישט בעקומען. די זאך איז ביי יעדען געווען א גרוים וואונדער, ווארען די מלחמה האט זיך שוין דאכאלט געענדיגט ווי באלד שיעור אינגאנצען איינגעשטילט, און פונדעסטוועגען איז דא אין קול ואין עונה. מען הערט נישט, און מען זעהט נישט קיין שום ידיעה פון די צוויי פאדריאטשיקעס זיי האבען זיך פיעל מאהל אנגעפרעגט ביי דער פריסישע רעגירונג, און געשיקט פיעל מאל צום מלחמה פלאץ און אין אנדערע שטעדט אריין גרויסע טעלעגראמעס. אבער קיין ריכטיגע ידיעה האבען זיי פון קיינעם נישט בעקומען. אויף די שטאדט האט מען שוין טאקי גערעכענט די צוויי ווייבער פאר לעבעדיגע עגונות, און זייערע קינדער פאר לעבעדיגע יתומים. די צוויי ווייבער פון משה'לען און מאיר'לען פלעגען זיך נעבעך שטענדיג צוזאממען קומען, קלערען עצות, פלענער. געקאנטשעט האט זיך זייער צוזאממענקומעניץ שטענדיג גלייך. זיי האבען זיך גאנץ גוט אויסגעוויינט און זענען זיך צוגאנגען.

אמלעצטענס, ווען די צוויי פערביטערטע ווייבער זענען זיך צוזאממען געקומען, איז זיי איינגעפאלען זיי זאלען פאהרען צום גריידיצער רב. מען הערט דאך עפעס פון איהם זעהר וואונדערליכע מופתים, און די מענער זייערע זענען דאך עפעס דארט מיט דעם צדיק גוט בעקאנט און בעפריינדעט געווען, לאזען מיר ביידע צוזאממען אהינפאהרען, אויסגיסען פאר דעם צדיק אונזער ביטער הארץ, אפשר וועט ער אונז עפעס א עצה געבען, אדער אפשר וועט ער מיט זיין רוח הקודש אונז זאגען וואס פון אונזערע מענער איז געווארען, אזוי האבען זיך די צוויי לעבעדיגע אלמנות אבגעשמועסט. און דערביי איז עפעס אזוי ווי א פונק פון א האפנונג וואלט זיך ערוועקט אין זייערע הערצער און זיי האבען עטוואס פרייער אבגעעטעמט.

אזוי ווי די צוויי ווייבער האבען זיך אבגעשמועסט, אזוי האבען זיי טאקי מקיים געווען, און זענען ביידע צום גריידיצער רב געפאהרען. דארט האבען זיי נעבעך טאקי זייער גאנץ ביטער הארץ אויסגעגאסען פאר דעם היילגען צדיק. און אזא תשובה האבען זיי בעקומען פון דעם הייליגען צדיק'ס מויל:

ביידע

„ביידע מענער משה'ל און מאיר'ל לעבען.
ביידע וואנדערען שוין אהיים.
אין א קורצע צייט וועלען זיי בשלום אהיים קומען.
איידער זיי וועלען קומען, וועט איהר ביידע
פון אייערע מענער וואונדערליכע גריסען בעקומען.
נאר געדענקט גוט וואס איך ווארען אייך.
אלץ וואס איהר ביידע וועט פון אייערע מענער
בעקומען, סיי א בריעף, סיי געלד, אבער עפעס
א חפץ וואס מען וועט אפשר צו אייך אריינברענגען,
וואס איהר וועט נאר האבען א קלעהר אז ס'איז
פון זיי, זאלט איהר דאס אלץ צו מיר תיכף ברענגען".

נאך דער תשובה האט דער גריידיצער רב זיי אבגעזעגענט, ער האט זיי געהייסען באלד אהיים פאהרען. און ער האט נאך דאס אויך זיי געווארענט בײם געזעגנען, זיי זאלען געדענקען צו האלטען אלץ בסוד. און אפילו די תשובה וואס זיי האבען פון איהם בעקומען, זאלען זיי אויך פאר קיין שום מענש נישט דער־צעהלען. די צוויי ווייבער זענען באלד אהיים געפאהרען מיט א האפנונג פון א הילף.

גירא האט געוואוסט אז מ'וועט איהם זיכען אין פראנקרייך. האט ער זיך איבער־גערעכענט, סיי ווי זענען דאך די אסיגנאציעס, וואס ער טראגט בעהאלטען אין די שטיוועל, פרייסישע, איז פאר איהם גלייכער ער זאל אנטלויפען קיין פריי־סען. אביסעל פראנצויזיש געלד האט ער נאך געהאט אין טאש, האט ער זיך נאך אלץ ניט גענויטיגט ארויסצונעמען דעם אוצר פון די שטיוועל. גירא איז אריינגעפאהרען קיין פרייסען און האט זיך אבגעשטעלט אין ברעסלוי. דארט איז ער אריין אין האטעל איבער צונעכטיגען. נאך אזא לאנגע רייזע און נאך דערצו וואס די רייזע איז געווען מיט איילעניש און מיט שרעק, איז גירא איינגעשלאפען אין זיין נומער ווי א דער'הרג'עטער ער האט אפילו נישט געדענקט צו פערשלי־סען זיך אינוועניג אין נומער.

ווי געוועהנליך אין א האטעל, קריכט דער משרת ארום באלד אין דער פריה און נעמט ארויס פון די געסט דאס ביסעל שיך ווערק אנצופוצען. אז דער משרת איז צוגעקומען צו גירא'ס נומער, האט ער געפרובט עפענען די טהיר, ווי זיין שטייגער איז. ער האט געזעהן אז ס'איז נישט פערשלאסען די טהיר, האט ער גערעכענט אז דער גאסט האט פרייסיג געעפענט, כדי ער דער משרת זאל ארויסנעמען די שטיוועל אנצופוצען. דער משרת האט טאקי די שטיוועל ארויס־גענומען צום פוצען. נאר אזוי ווי ער האט געזעהן, אז די שטיוועל זענען אונ־טען ארום און צוריסען האט ער גערעכענט, ווער ווייסט וואס א דלפון דער גאסט איז, אז ער געהט אין אזעלכע צוריסענע שטיוועל, און ווער ווייסט אויב ער וועט מיר דערפאר עפעס בעצאהלען. האט זיך אלזא דער משרת גענומען דערוויל צו פוצען די שענערע שטיוועלעך פון די רייכערע געסט, און גירא'ס שטיוועל האבען זיך אזוי ווי ארומגעוואלגערט. דערווייל איז אדורכגעגאנגען עפיס אנ'אבגעריסענער גנב און האט די שטיוועל צוגע'גנב'עט.

דער

דער אָרעמער גנב איז אָבער געווען גוט הונגעריג. ער האָט געוואָלט פֿון דער גנבה האָבען חאָטש אַ פֿלעשעלע בראָנפֿען מיט אַ הערינג מיט אַ האַלב ברויט. איז ער אַרײַנגעלאָפֿען צו מאיר׳ל פֿאָדריאַטשיקס ווײַב, וואָס זי האָט דערווײַל געפֿיהרט דאָס געוועלב מיט שיך־ווערק. און אַז ס׳האָט זיך איהר געטראָפֿען צו קויפֿען אַלט־ווערק, האָט זי אויך געקויפֿט. דער גנב האָט איהר פֿערקויפֿט דאָס אַלט־ווערק פֿאַר אַ גאַנצען מאַרק, און ער האָט זיך מחיה געווען מיט דעם גרויסען געלד. מאיר׳לס ווײַב האָט באַלד אַרומגעשניטען דאָס צוריסענע אונטערנײַעכץ, און זי האָט זיך גענומען די חאַלעוויס אַביסעל אָנצופּיטצען, און אויפֿצוהענגען די סחורה צווישען די רעשט חאַלעוויס, וואָס זי האָט אין געוועלב צו פֿערקויפֿען.

בשעת אין פּיטצען האָט זי זיך עפּעס פֿערחידושט אויף דעם גראָבען שטײַפֿענג פֿון די חאַלעוויס. זי האָט גענומען אַ מעסערל און האָט אָנגעהויבען עטוואָס אויפֿצוטרענען, האָט זי דערזעהן עפּיס פֿריש פּאַפּיער ליגט אינווענינג. האָט זי זיך נאָך מעהר פֿערחידושט, און זי האָט אינגאַנצען אויפֿגעטרענט. דאָ האָט זי דערזעהן די מנה יפה, און דאָ האָט זי אויך געפֿינען די צינק מטבע פֿון גרײַדיצער רב, וואָס אויף איין זײַט איז געשטאַנען איהר מאַנ׳ס נאָמען. פֿאַר שמחה און פֿאַר שרעק איז זי שיעור נישט פֿער׳חלש׳ט געוואָרען. אָבער זי האָט זיך געשטאַרקט מיט אַלע קרעפֿטען, און זי האָט פֿערשטאַנען אַז דאָס איז עפּיס נישט קײַן פּשוט׳ע זאַך, נאָר אַז דאָס דאַרף זײַן בסוד. האָט זי קודם דאָס אַלץ גוט מבער געווען און זי האָט זיך פֿאַר קיינעם גאָר נישט וויסענדיג געמאַכט.

גיראָ איז געשלאָפֿען אין זײַן נומער שעהנע עטליכע שעה אויפֿ׳ן טאָג. דער משרת ווײַטער האָט שוין כמעט געהאַט פֿאַרגעסען פֿון די צוריסענע שטיוועל, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן נומער צו פּיטצען. ווען גיראָ איז אויפֿגעשטאַנען און האָט דערזעהן אַז די שטיוועל זײַנע זענען נישט דאָ, האָט ער באַלד אָנגעקלינגען אויפֿ׳ן משרת אַז מ׳האָט איהם בע׳גנב׳ט. ס׳איז געוואָרען אַ גערויש אַ געפּילדער. דער ווירט פֿון האָטעל איז אויך אַרײַנגעקומען. מען האָט אָנגעהויבען חוקר ודורש צו זײַן וואָס די גנבה איז האָט ער געשריגען: „געוואַלד! וואו זענען מײַנע שטיוועל?״ דער משרת האָט אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געלעכטער, באשר אַז ער האָט אַליין געזעהן אַז די שטיוועל זענען געווען אַרום און אַרום צוריסען. זײַ האָבען געקאָנט ווערט זײַן אין זײַנע אויגען פֿון איין מאַרק ביז צוויי. אָבער גיראָ האָט נאָר געהאַלטען אין איין שרײַען: „געוואַלד! וואו זענען מײַנע שטיוועל?״ דער ווערט האָט אַרויסגענומען צוויי מאַרק און האָט איהם געגעבען. אָבער גיראָ האָט נישט אויפֿגעהערט צו שרײַען, ביז דער ווערט האָט געזאָגט צו גיראָ׳ן אַז ער שיקט נאָך פּאָליציי און וועט איהם לאָזען אַרעסטירען פֿאַר די געשרײַען, וואָרען ער איז נישט פֿעראַנטוואָרטליכט פֿאַר דעם, אַז אַ גאַסט לאָזט אָפֿען זײַן נומער און פֿערשליסט זיך נישט אינווענינג. אַזוי ווי גיראָ האָט דערהערט אַז מען רעדט שוין פֿון פּאָליציי האָט ער נעבעך פֿערמאַכט דאָס מויל און האָט זיך געבעטען מען זאָל איהם געבען צו די צוויי מאַרק צו עפּיס אַ פּאָר אַלטע שטיוועל אָנצוטהון. מען האָט אויף איהם רחמנות געהאַט, און דער ווערט האָט איהם צוגעגעבען זײַנס אַ פּאָר אַלטע שטיוועל, און אוים גיראָ.

מאיר׳לם

מאיר'ס װײַב האָט איבערגעװאַרט עטליכע טאָג. אַז זי האָט געזעהן ס'איז שטיל אין שטאָדט. קײנער רעדט גאָרנישט פֿון דעם געלד. האָט זי אײנגעפּאַקט די חאַליװעס מיט דעם גאַנצען געלד מיט די צינק מטבע און איז אַװעק געפֿאָה־רען בסוד קײן גרײדיץ צום הײליגען צדיק. זי האָט דאָס אַלץ איבערגעגעבען דעם רב. ער האָט דאָס צוגענומען און בעהאַלטען בײַ זיך. מיט אַ שמײכעל אויפֿ'ן פּנים האָט ער צו איהר געזאָגט: „זאָרגט נישט. אײַער מאַן װעט בקרוב אַהײם קומען. דאָס געלד איז נישט קײן פֿרעמד געלד, נאָר זײַער שותפות געלד. װען זײַ בײדע װעלען אַהײם קומען, זאָלען זײַ אַהער קומען צו מיר, װעל איך מאַכען צװישען זײַ אַ חלוקה". דער גרײדיצער רב האָט זי אָנגעזעגענט און זי איז מיט אַ פֿרעהליך האַרץ אַהײם געפֿאָהרען.

דאָ לאָזט זיך אויס די מעשה פֿון משה'ס צרות. יעצט װעלען מיר אַ קוק טהון װאָס פֿאַר צרות מאיר'ל האָט װידער געליטען.

---

## מאיר'ס צרות.

מאיר'ל איז געװאָרען פּאַדריאַטשיק בײַ אַ פּאָלק פֿון דער דריטער פּרײַסישער אַרמיע. די דריטע אַרמיע האָט זיך געקרעפֿטיגט אַמפּײנסטענס דורכ'ן קראַפֿט פֿון דעם דײַטשען פֿלאָט װאָס האָט אַרומגעשװימען אויפֿ'ן אָקעאַן. אַלערלײַ פּראָװיאַנטען און אַמאַניציע פֿאַר די דריטע אַרמיע איז צו געשטעלט געװאָרען דורכ'ן ים. אַלזאָ איז מאיר'לען אויסגעקומען עפּטער צו פֿאָהרען אויף אַ דײַטשען ים־דאַמפּפֿער בײַם צו־שטעלען זײַן פּאָדריאַד.

די פֿראַנצויזען האָבען אויך געהאַט אַ פֿלאָט אַרומשװימען אויפֿ'ן ים, אָבער נישט אַזאַ גרויסער פֿלאָט װי דער פּרײַסישער. אַלזאָ האָט זיך דער פֿראַנצויזישער פֿלאָט נישט געקאָנט אַקעגען שטעלען מלחמה צו האַלטען מיט'ן דײַטשען פֿלאָט. נאָר אַזוי װי דער פֿראַנצויז האָט פֿערשטאַנען אַז דער פּרײַסישער פֿלאָט מוז שטעהן נאָהנט פֿון די ברעגעס, כּדי צו שטיצען די אַרמיע פֿון די יבשה, האָט זיך אַלזאָ דער פֿראַנצויזישער פֿלאָט אײַנגעטײלט אויף דרײַ קאַטעגאָריעס, װעלכע זענען אַרומגעשװימען אויפֿ'ן ים, װײַט פֿון פּרײַסישען פֿלאָט. און זײַער ציעל איז גע־װען, נאָך צו שפּיאָניװען און צו פֿאַנגען די דײַטשע דאַמפּפֿערס, װאָס האָבען צו געפֿיהרט פֿאַר די פּרײַסישע אַרמיע פּראָװיאַנט מיט אַמאַניציע.

דער פּרײַס װײַזט אויס האָט טאַקי פֿאַר דעם מורא געהאַט האָט ער זיך בעװאָרענט דורך אַ שפּעקולאַציע. ער האָט געלאָזט איבער מאַליװען די נעהמען פֿון זײַנע דאַמפּפֿערס אויף רוסישע נעהמען. ער האָט אַראָבגענומען די פּרײַסישע פֿלאַגען און האָט אַרויסגעשטעלט רוסישע פֿלאַגען. און אויך די מאַטראָסען האָט מען איבערגעטהון מיט רוסישע מאַנדירען, און „װיסעו". זײַ זענען זיך גאַנץ פֿעסט אָהן שום פּחד געשװימען אויפֿ'ן ים. און אַז די פֿראַנצויזישע שיפֿען האָבען דערזעהן פֿון דערװײַטענס אַ דאַמפּפֿער מיט רוסישע פֿלאַגען זענען זײַ גאָר נישט צו געשװימען צו מאַכען אַנ'אויספֿאָרשונג. דער פֿראַנצויז איז אָבער אויך נישט

קײַן

קיין גרויסער שוטה געווען, ער האט זיך נישט געלאזט לאנג אזוי אבנארען, נאר ער האט זיך מישב געווען: לאז מען מאכען אמאהל אנ'אויספארשונג בײַ די רוסישע דאמפפערס.

שלימזל האבען זיי פונקט אנגעטראפען אויף דעם דאמפפער, וואס מאיר'ל פאדריאטשיק האט צוגעשטעלט זיין פאדריאד. דאס איז געווען דער דייטשער דאמפפער „אלבערט דער דריטער". אויף דעם דאמפפער האבען די פרייסען אויף געמאלעוועט א נאמען „וולאדימיר". מיט רוסישע פלאגען, און די מאטראסען מיט רוסישע מאנדירען. אבער איין זאך האבען זיי פארפעלט צו טהון. זיי האבען געדארפט ארויס צו נעמען פון די מאטראסען די דייטשע צינגען, און אריינצוזעצען רוסישע צינגען.

צוויי פראנצויזישע קרייזערס מיט דריי מינען שיפלעך האבען געפאקט דעם דאמפפער „אלבערט דער דריטער". די פראנצויזישע שיפען האבען פון דערווייטענס פארשטעלט דעם וועג פאר'ן דאמפפער, און זיי האבען אויסגעשאסען אין דער הויך פאר א סיגנאל אז דער דאמפפער זאל בלייבען שטעהן. דער שיפס־קאפיטאן האט באלד פערשטאנען אז מען טרייבט דא נישט מיט זיי קיין קאטאוועס, האט ער באלד דעם דאמפפער אבגעשטעלט. די פראנצויזישע שיפען זענען צו געשווימען נעהנטער. זיי האבען טאקי געזעהן אז ס'קוקט אויס אלץ רוסיש, אבער דאך האבען זיי געוואלט צושמיעסען זיך אביסעל מיט די מאטראסען פון דייטשען דאמפפער אויף דער רוסישער שפראך. ס'איז אבער געווען אין קול ואין עונה. אלע מאטראסען זענען אזוי ווי שטום געווארען. ווייל רוסיש האבען זיי נישט געקאנט, און דייטש האבען זיי מורא געהאט צו ענטפערען. הכלל די פראנצויזען האבען געזעהן מיט וואס דא שמעקט, האבען זיי אהן איין שאס און אהן שום בלוט פערגיסונג גענומען אין געפענגעניש דעם דאמפפער מיט אלע מאטראסען. און מאיר'ל פאדריאטשיק איז אויך פערנומען געווארען. די מאטראסען פון דעם דאמפפער האבען זיי ענטוואפענט, און מען האט פערבעטען דעם גאנצען עולם אויף א פראנצויזישען קרייזער, וועלכער איז מיט זיי אוועק געשווימען.

די פראנצויזישע שיף האט זיי אלע ארויסגעזעצט אויף א ווייסען אינזעל וואס געהער צו פראנקרייך. דער אינזעל איז געווען נישט קיין גרויסער, ער האט אינגאנצען פערנומען נישט מעהר ווי בערך דריי מייל קוואדראט. קיין שטענדיגע איינוואהנערס איז דארט נישט געווען. דארט האבען זיך נאר אמאל ציינסטענס אויפגעהאלטען פישערס. און פאר די רעגירונג האט דער אינזעל געניצט, זי זאל דארט האבען גרויסע סקלאדעס קוילען פאר איהרע שיפען און אויך פערשידענע מאגאזינען מיט קריגס מאטעריאלען. אבער דאמאלס ווען ס'איז געווען די מלחמה צייט, האט דער אינזעל אויפגעלעבט אויף אנ'אנדערען שטייגער. בעוויל די פראנצויזישע רעגירונג, וואס זי האט אמאהל עפיס פערחאפט פרייסיש מיליטער, איז עס אוועקגעפיהרט געווארען צו דעם אינזעל. דארט איז אויפגעשטעלט געווארען פאלאטקעס, און דאס פערנומענע מיליטער האט זיך אויפגעהאלטען אין די פאלאטקעס. מען האט זיי געגעבען צו עסען אזוי

אזוי, אז זיי האבען פערגעסען אין טרינקען, און אז זיי זענען הונגעריג געווארען האבען זיי געזונגען. אלזא פערשטעהט זיך, אז דער אינזעל האט געהילעכט פון געזאנג אויף אלע זייטען טאג און נאכט. אבער צו קיין ארבייט האט די פראנצויזישע רעגירונג נישט געטאהרט זיי בענוצען.

אבער מיט אונזער מאיר'ל איז דארט גאר אנדערש צוגעגאנגען. מען האט איהם דארט גענומען אויפ'ן פארהער. ווער ביזטו פאר איינער, און וואס ביזטו פאר איינער. אפשר פארנעמסט דו דיך נאר מיט שפיאנערייע. און אז ס'איז שוין יא איהם געלונגען אויסצוווייזען, אז ער איז א פרייסישער פאדריאטשיק, האבען זיי זיך הערשט צו איהם פעסטער צו גיטשעפיעט: „היתכן אז דו האסט געוואלט רייך ווערען, ביזטו געגאנגען צוהעלפען אונזער בלוט פערגיסען". בקיצור מיהאט איהם פערמשפט, אז ער זאל זיין אויף דעם אינזעל אן אייביגער ארבייטער ביי די רעגירונגס קוילען סקלאדעס. מען האט איהם באלד אנגעטוהן א ברייטען פאסעק מיט א נומער, און אויך א היטעל מיט א נומער, אזוי ווי אלע קאזיאנע ארבייטער געהן. מען האט אויך איהם גיגעבען כלים צו דער ארבייט, א טאהטשקע, א רידעל, א האמער, א האק א. ז. וו. און ארט צום שלאפען האט מען איהם אבגעגעבען אין דער קאזארמע, ווי אלע קאזיאנע ארבייטער האלטען זיך אויף.

דעם קלייגעם אינזעל פלעגען די פראנצויזען רופען מיט דעם נאמען „דער ווייסער גיהנם". צוליעב דעם וואס דארט איז שטענדיג קאלט, און עס עקזיסטירען דארט פיעל פערשידענע קראנקהייטען, ווייל נעבען דעם אינזעל, צו דרום זייט, שטעהט אין ים זעהר א הויכער בארג, וועלכער איז באדעקט שטענדיג מיט שנעה אויף דער זייט צום אינזעל צו, ווארען דארט קאן די זון נישט צוקומען. און די ווייסקייט פון שנעה-בארג שלאגט אהן מיט א ווייסע שיין אויפ'ן גאנצען אינזעל. אלזא מיזען דארט אלע מענשען כמעט שטענדיג ארומגעהן אין פערצלעך, מיט ווארעמע שטיוועל, א ווארעם היטעל, און גאנץ גראבע הויזען.

ביי אונזער מאיר'ל האט זיך די פראנצויזישע רעגירונג איינגעבערענגט א פעלצעל, בעוויל ער איז געגאנגען אנגעטהון אין זיינם א גוט פערצעל, וועלכעס איז געווען געמאכט אזוי ווי א וועסט. דאס פוטער פון דעם פעלצעל איז געווען גרינג און ס'האט גוט געווארעמט. אויף דעם פעלצעל איז אויך געווען אויסגעצייכענט א מאנאגראמע פון צוויי בוכשטאבען, וואס האבען בעצייכענט מאירל'ס נאמען מיט זיין פאמיליען נאמען. די מאנאגראמע האט מאירל'ס ווייב אליין אויסגעצייכענט מיט גרינעם זייד.

אמת אז דאס פעלצעל האט מאירל'ן נישט געקאסט מעהר ווי 25 מארק, אבער דאך איז עס ווערט געווען, אויסער די 25 מארק, נאך צוואנציג טויזענד מארק. די מעשה איז אזוי געווען. ווען די צוויי שותפים משה'ל און מאיר'ל האבען געמאכט בעזונדערע געשעפטען, און ביידע האבען גענגב'עט אונטערן אנדערן, איז אזוי גוט ווי משה'לי האט געהאט אנגעזאמעלט גנבה'יש געלד פונף און צוואנציג טויזענד מארק, אזוי אויך האט מאיר'ל געהאט אנגעזאמעלט צוואנציג טויזענד מארק. און איידער מאיר'ל איז אוועק צום מלחמה פלאץ, האט ער אויסגעטוישט דאס געלד אויף פיער דייטשע אסיגנאציעס צו פונף טויזענד מארק

און

און ער האָט די אסיגנאַציעס פֿערנייט אין דעם פּעלצעל אַזוי אַז ס'איז גאָר נישט געווען צו דערקענען. אויך האָט ער געהאַט בעהאַלטען דאָרט צווישען דעם געלד די צינק־מטבע, וואָס ער האָט בעקומען פֿון גריידיצער רב אויף הצלחה וואָס אויף איהר איז געשטאַנען פֿון איין זייט משה'לס נאָמען. דאָס אַלץ איז געווען אַזוי גוט פֿערנייט אין דעם פּעלצעל, אַז מ'האָט דאָס גאָר נישט דערקאָנט.

דאָרט אין ווייסען גיהנם האָט מאיר'ל געמוזט אַראָב בייגען דאָס קעפּעל, און זיין אונטערטעניג אונטער אַלע. יעדער האָט מיט איהם געשאַפֿט, און ער האָט זיך געהיטען, ער זאָל יעדענס פֿערלאַנג ערפֿולען. אין אָנהויב האָט מען איהם גאָר נישט אַרויסגעלאָזט קיינמאָל שפּאַצירען אויפֿ'ן אינזעל. נאָר ער האָט זיך שטענדיג געמוזט געפֿונען, אַבער אין די קאַזאַרמעס, אָדער ביי די סקלאַדעס ווי ס'פֿעלט קיינמאָל קיין אַרבייט נישט. נאָר ווען ס'איז פֿערביי געגאַנגען עטליכע חדשים, און די בעאַמטע האָבען געזעהן אַז ער פֿיהרט זיך אין אָרדענונג, האָבען זיי שוין איהם ערלויבט אַמאָהל אַביסעל אַרום צו שפּאַצירען אויפֿ'ן אינזעל.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז מאירלען האָט אָנגעשמעקט צו ווערען געוואָהר ווערען, וואָס הערט זיך עפּעס אין פּרייסען, ווי האַלט עפּעס די מלחמה, און אַזוי ווי ס'איז פֿאַרווערט געווען דעם גאַנצען פֿראַנצויזישען פּערסאָנאַל פֿון דעם אינזעל צו ריידען מיט די פֿערנימענע פּרייסישע זעלנער אָדער מאַטראָסען, האָט זיך אַלזאָ מאיר'ל געמוזט פֿערקעריווען דורך אַ זייטיגען וועג, ער זאָל זיך קאָנען צו חאַפּען צו אַ פּרייסישען פֿערנימענעם זעלנער און עפּעס ביי איהם געוואָר צו ווערען. דאָס האָט אָבער באַמערקט אַ פֿראַנצויזישער זעלנער וואָס איז געשטאַנען אויפֿ'ן קאַראַאול אין אַ בעהאַלטען אָרט. דער פֿראַנצויזישער זעלנער האָט אַ פֿייף געטהון אויף מאירלען און האָט איהם אָבגעשטעלט. ווי געוועהנליך ראשית האָט דער פֿראַנצויז מכבד געווען מאירלען מיט צוויי גוטע פּעטש. צווייטענס האָט ער איהם גענומען בעזיכען, וואָרען וועד ווייסט צו ער האָט נישט געוואָלט עפּעס אַ מין שפּיאָנאַזש איבערגעבען קיין פּרייסען. מאירל האָט זיך געמוזט אויפֿקנעפּלען אַלע מלבושים, און דער זעלנער האָט איהם גוט בעזיכט. אָבער ער האָט קיין שום פֿערדיכטיגע זאַך ביי איהם נישט געפֿונען. ביים בעזיכען האָט דער זעלנער געוואָרפֿען אַן אויג אויף דעם פּעלצעל. ער האָט פֿערשטאַנען אַז דאָס איז אַ טייער פּעלצעל, און ס'איז איהם אַ גרויס וואונדער געווען, ווי קומט עפּעס צו אַן אַרבייטער אַזאַ גוט פּעלצעל. אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טהון. אַראָב רייסען פֿון איהם דאָס פּעלצעל האָט ער דאָך אויך מורא געהאַט. נאָר ער האָט שוין אָנגעהויבען צו קלערען עצות ווי אַזוי דאָס פּעלצעל פֿון מאירלען שטילערהייט אָנצוקריגען. דער זעלנער האָט זיך פֿערצייכענט מאיר'ס נומער, און נאָכען בעזיכען האָט ער איהם ווייטער מכבד געווען מיט אַ קאָלאַק אין קאַרג אַריין, און האָט איהם געהייסען באַלד צוריק געהן אויף זיין אָרט.

אויף מאירלען איז געמאַכט געוואָרען אַ פּראָטאָקאָל פֿון דעם שפּאַצירען, און ער איז פֿערמשפּט געוואָרען אויף דריי טאָג קאַרץ, און אַז אין די דריי טאָג זאָל ער נאָר לעבען מיט ברויט און וואַסער. דאָרט אין קאַרץ האָט זיך מאיר'ל דערמאַנט אַלע זיינע חטאים. דאָרט איז איהם גיעפֿענט געוואָרען די

אויגען

אויגען וואָס פֿאַר אַ גרויסע עבֿירה ער האָט געטהון, אַז צוליעב געלד האָט ער עובֿר געווען אויף תּקיעת כּף. און וואָס ער האָט נאָר געדענקט פֿון אויסענווענדיג עפּעס אַ קאַפּיטעל תּהלים, האָט ער געזאָגט אַלץ און איינעם, און ער פֿלעגט זיך דערבײַ גאַנץ שטאַרק צו צווויינען. נאָך דרײַ טאָג איז מאיר'ל אַרויס פֿון קאַרץ קוים אַ לעבעדיגער און ער האָט זיך באַלד גענומען צוריק צו זײַן אַרבייט.

דער פּראָנצויזישער זעלנער וואָס איז געשטאַנען דאַמאָלס אויפֿ'ן קאַראַאול האָט געהייסען „ראַנטשאַג“. ער האָט שוין פֿון דאַמאָלס אָהן נישט געריהט, נאָר ער האָט געקלערט פֿערשיעדענע עצות קענגען מאירל'ן, ווי אַזוי אָנצוקריגען בײַ איהם דאָס גוטע פּעלצעל. ראַנטשאַג האָט גוט חוקר ודורש געווען, ווי מאיר'ל אַרבייט, ווי מאיר'ל שלאָפֿט, און איז געפֿאַלען אויף אַזאַ קאָמבינאַציע. ווען ראַנטשאַג האָט זיך דערוויסט אַז מאיר'ל האָט געהאַט בײַטאָג אַ שווערע אַרבייט, האָט ער פֿערשטאַנען אַז בײַנאַכט וועט ער שלאָפֿען גאַנץ האַסטיג. דאַן האָט זיך ראַנטשאַג אָנגעטהון מלבּושים פֿון אַן אַרבייטער, און האָט זיך אָנגעהויבען צו דרעהן אין דער שטיב וואו מאיר'ל פֿלעגט זיך לעהגען שלאָפֿען, דאָ האָט ראַנטשאַג אַזוי אָנגעדרייט ס'זאָל ווערען גוט אײַנגעהייצט אין דער שטיב, אַזוי אַז מ'זאָל גוט שפּירען די וואַרעמקייט, כּדי מאיר'ל זאָל נישט שלאָפֿען אין פּעלצעל. וואָרען אַזוי באַלד ס'איז געווען קיהל אין שטיב פֿלעגט מאיר'ל שלאָפֿען אין פּעלצעל, און אַזוי באַלד ס'איז געווען גוט וואַרעם, פֿלעגט ער אויסצוטהון דאָס פּעלצעל, און אונטער צו לעגען זיך דאָס פּעלצעל צוקאָפּענס אינטער'ן שטרויען קישעלע. פֿון דעם אַלעם איז דער ראַנטשאַג גאַנץ גוט געוואָהר געוואָרען. און אויף די נאַכט וואָס ראַנטשאַג האָט אָנגעדרעהט ס'זאָל זײַן גוט וואַרעם אין שטיב, האָט זיך ראַנטשאַג אויך דאָרט געלעגט שלאָפֿען. און בײַנאַכט ווען מאיר'ל איז האַסטיג אײַנגעשלאָפֿען נאָך די שווערע אַרבייט פֿון בײַטאָג, און ער האָט גוט געכראַפּעט, האָט זיך דער ראַנטשאַג צוגעריקט צו זײַן געלעגער, און האָט פּאַמעלעך דאָס פּעלצעל אַ פֿעהר געצויגען פֿון אונטער מאיר'לס שטרויען קישעלע. קיינער האָט נישט געהערט און קיינער האָט נישט געזעהן, וואָרען ווי ספּערשטענדט זיך, זענען אַלע אַרבייטערס גאַנץ גוט אײַנגעשלאָפֿען אין דער וואַרעמע שטיב. ראַנטשאַג איז בײַנאַכט מיט'ן פּעלצעל אַוועקגעגאַנגען צו זײַן קאַזאַרמע. ער האָט עס דאָרט גוט מבֿער געווען און האָט זיך געלעגט שלאָפֿען.

זײַנער זעקס אין דער פֿריה, ווען דער גלאָק האָט מיט זײַן קלינגען אויפֿגעוועקט אַלע אַרבייטער צו דער אַרבייט, האָט זיך מאיר'ל אויך אויפֿגעכאַפּט פֿון זײַן מיעפּען שלאָף. ער האָט זיך אָבער נישט געכאַפּט באַלד צום אָנטהון, נאָר ער איז נאָך געלעגען עטליכע מינוט, און האָט זיך דערמאַנט גוט דעם שרעקליכען חלום, וואָס איהם האָט זיך דאָ געחלומ'ט די נאַכט.

איהם האָט זיך אַזוי ג'חלומ'ט. אַז ער איז געקומען צו פֿאָהרען צום גרײדיצער רבֿ אויף יום כּפּור. מוצאי יום כּפּור האָט ער זיך זעהר געאײַלט אַהיים צו פֿאָהרען. אַז ער איז אַרײַנגעגאַנגען צום גרײדיצער רבֿ זיך געזעגנען, האָט איהם

איהם דער רב נישט געוואלט געבען די האנד און ער האט איהם געזאגט: „איך קאן דיר נישט געבען די האנד, ווייל ס׳שטעהט אין פסוק „אל תשת ידך עם רשע״. זאלסט נישט שטעקען דיין האנד צו קיין רשע. און די ביזט דער זעלבער רשע נאכ׳ן יום כפור ווי דערפאר, ווארען אויף עבירות שבין אדם לחבירו איז דאך יום כפור נישט מכפר. דו האסט געגנב׳ט, געגזל׳ט, און עובר געווען אויף תקיעת כף, און אויף אן איסור. אוועק פון מיר, אוועק! ארויס פון מיין שטיב״. דאמאלס האט זיך נאך מאיר׳לן געדאכט אין חלום, אז דער משמש האט איהם ארויס געווארפען פון רב׳ס שטיב, און דארט אין קארידאר איז צוגעפארען צו איהם עפעס א שווארצער מענש, אזוי ווי א שד אדער א מזיק, און ער האט מאיר׳לן אנגעהאפט ביים האלדז מיט א געשריי: „גיב אב, דו רשע, דאס געלד וואס דו האסט געגנב׳עט ביי דיין שותף, נאר שוין; ווארען אז נישט דערווערג איך דיך דא אויפ׳ן ארט״. מאיר׳ל האט זיך ביי איהם געבעטען, ער זאל איהם אבלאזען, ווארען ער גיבט שוין אהן דאס גאנצע געגנב׳עטע געלד. ער האט דערביי באלד אויסגעטהון געשווינד דאס פעלצעל, און האט דאס פעלצעל אוועק געגעבען דעם שווארצען שד, שרייענדיג צו איהם: „אט דא האט איהר דאס גאנצע געלד״. און ביי דעם געשריי האט פונקט אנגעהויבען דער גראק צו קלינ- גען און מאיר׳ל האט זיך אויפגעחאפט מיט גרויס שרעק.

מאיר׳ל האט זיך דעם חלום אזוי נאך אמאהל פארגעשטעלט און גוט דער- מאנט זיך יעדעס ענצעלהייט. ער האט זיך אנגעווישט דעם שוויים פון שטערען און האט זיך אנגעהויבען אנצוטהון. אז ער האט שוין געהאלטען ביים פעלצעל, טהוט ער אהויב אויף דאס שטרויענע קישעלע און וויל אפעהר נעמען דאס פעל- צעל. אבער ס׳איז נישט דא. קוקט אהין, קוקט אהער, זוכט דא, זוכט דארט, איים פעלצעל. מען האט געזוכט ביי אלע ארבייטער, אבער מען האט עס נישט געפונען. דאן האט מאיר׳ל אזוי צו זיך אליין גערעדט שטילערהייט: „מילא איך זעה דאך אז דער חלום איז ווירקליך. געוויס האט דער גריידיצער רב געמוזט אהער שיקען צו מיר ביינאכט א שווארצען שד, און איך האב אליין איהם דאס פעלצעל אוועק געגעבען. אפשר וועל איך שוין האבען דורך דעם א תקון, אז דער אויבערשטער זאל מיר צו שיקען א הילף, איך זאל מיך קאנען פון דעם ווייסען גיהנם ארויסרייסען, און אהיים קומען בשלום צו מיין ווייב און קינדער. יעצט פערשטעה איך שוין גוט וואס דער גריידיצער רב האט מיר געזאגט ביים געזעגנען נאכ׳ן שותפות מאכען, אז מה דאך א שטעקען וואס איז א לאנגע זאך, און אויב מען ווארפט איהם אין דער הויך פאלט ער צוריק צו זיין שורש, מכל שכן נאך געלד, וואס איז קיילעכדיג, קאלערט עס זיך אודאי גאר גרינג צוריק צו זיין שורש. דער גנב אדער דער גזלן מוז אויסמייקענען צוריק די גנבה אדער די גזלה, אזוי ווי ס׳שטעהט אין פסוק „חיל בלע ויקיאנו״. דאס גוטס וואס דער רשע האט איינגעשלינגען פון יענעם, מוז ער עס צוריק אויסמייקענען. אט דאס מיינט מען מיך״.

אזוי האט זיך געבעקה מאיר׳ל אליין שטילערהייט געטרייסט, אליין זיך בע- רוהיגט. ער האט זיך אנגעטהון און איז געגאנגען בעטען, מען זאל איהם געבען

אנ׳אנדער

אַנ'אַנדער פעלצעל. ער האָט באַלד בעקומען אַנ'אַנדער פעלצעל, אַזוי ווי אַלע אַרבייטער האָבען, דערנאָך איז ער געגאַנגען צו זיין אַרבייט גאַנץ מונטער און פלייסיג. ער האָט אַליין אויף זיך פערחידושט און פערוואונדערט, אַז חאָטש ער האָט די נאַכט היזק געהאַט אַזאַ גרויס פערמעגען, פון דעסטוועגען אַרט דאָס איהם גאָר נישט, נאָר אַדרבא פאַרקעהרט, ער שפּיהרט נאָך זיך לייכטער, גלייך אַזוי ווי מען וואָלט אַ שטיין אַראָבגענומען פון זיין האַרץ.

מאיר'ל האָט ווייטער אַזוי געאַרבייט אויף דעם וויסען גיהנם נאָך עטליכע חדשים. ער האָט פערשטאַנען אַז דער פראַנצויז האָט געהאַט ביי דער מלחמה די גרויסע מפּלה, וואָרען ער האָט געזעהן אַז די פּריסישע זעלנער, וואָס זענען געזעסען אויף דעם אינזעל, אַלס פערנומענע, זענען אַלע מיט איינמאָהל אַוועק געפאָהרען פון דעם אינזעל אויף שיפען מיט אַ גרויס געזאַנג. אָבער פאַר זיך האָט ער נאָך אַלץ גאָר נישט געזעהן קיין הילף. און דער אמת איז טאַקי אַזוי געווען, אַז פון די אַלע גבורות, וואָס דער פראַנצויז האָט בעוויזען אין אָנהויב מלחמה, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. דאָס פעהנדיל האָט זיך איבערגעדרעהט, און די פּרייסען האָבען אָנגעהויבען געבען די פראַנצויזען גרויסע קרעפּ, איינס נאָכ'ן אַנדערען. און דורך דעם איז דער פּרייסישער פלאָט אויך אויפגעבונדען געוואָרען, וואָרען די זעלנער פון דער יבשה האָבען זיך שוין נישט גענויטיגט אין דער הילף פון פלאָט. אַזוי נאָך האָט זיך דער פּרייסישער פלאָט צושפּרייט אויפ'ן ים, און האָט אָנגעהויבען צו פעריאָגען די פראַנצויזישע שיפען. און דאָס איז געווען די סבה פון מאיר'לס הילף.

די מעשה איז אַזוי געווען. אַז דער פּרייסישער פלאָט האָט אַנגעהויבען פריי אַרום צושווימען אויפ'ן ים, האָבען זיי דערשנאַפּט אַז אויף דעם קליינעם אינזעל, וואָס ליגט ביים גרויסען הויכען שנעה־באַרג, האָט דער פראַנצויז ליגען אַ גרויסען זאַפּאַס מיט שטיין־קוילען. מילא האָט דער פּרייס געזאָגט „מהיכי תיתי". אַז מיר זענען ווייטער מאַקי שטאַרקער פאַר'ן פראַנצויז, פאַר וואָס זאָלען מיר נישט בעסער נוטצען די פראַנצויזישע שטיין קוילען איידער אונזערע. געזאָגט און געטהון. דער פלאָט האָט אָנגעזיכט דעם אינזעל, און דער פּרייס איז געוואָרען דער בעל הבית פון דעם אינזעל. ס'איז נישט געווען דער טאָג וואָס קיין פּרייסישע שיפען האָבען נישט געזאָלט צו שווימען צו דעם אינזעל און נעמען שטיין־קוילען וויפיעל זיי האָבען נאָר געוואָלט.

ווען מאיר'ל האָט שוין געזעהן, אַז די פּרייסען זענען אויף דעם אינזעל גרעסערע בעלי בתים ווי די פראַנצויזען, האָט ער זיך מישב געווען, וואָס וועט ער דאָ אויסזיצען. און אַמאָהל ווען ס'איז צוגעקומען צו דעם אינזעל אַ פּרייסישע שיף, איז מאיר'ל אַריין אין דער פּרייסישער שיף. ער האָט געזאָגט אַז ער איז אַ פּרייסישער אונטערטאַנער, און איז דורך די פראַנצויזען געפאַנגען געוואָרען, אַלזאָ האָט ער געבעטען מ'זאָל איהם צופיהרען צום שיפס־קאַפּיטאַן, אָדער צום אַדמיראַל. די מאַטראָסען האָבען געזעהן, אַז ער רעדט פיין דייטש, האָבען זיי פערשטאַנען, אַז ער זאָגט נישט קיין ליגענט. זיי האָבען איהם פאָרגעשטעלט פאַר'ן אַדמיראַל פון דער שיף. מאיר'ל האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען פאַר'ן אַדמיראַל

ספריית אגודת חסידי חב"ד
אהל יוסף יצחק

מיראל און היט פאר איהם זיך איינגעערדט זיין ביטער הארץ, אז פון א פרייסישען פאדריאטשיק האבען די פראנצויזען געמאכט א קוילען-טרעגער. מאיר'ל האט פאר'ן אדמיראל דערצעהלט אלס, וואס מיט איהם האט זיך דא פאסירט, ער האט אנגערופען זיין פאלק מיט זיין פאלקאווניק. דער אדמיראל האט באלד דערקאנט אז זיינע רייד זענען אמת, ער האט מיט איהם גרוים מיטלייד געהאט. דאס ערשטע האט דער אדמיראל איהם געשאפט שעהנע מלבושים. מאיר'ל האט זיך אנגעוואשען שעהן רייןן און האט זיך אנגעטהון די שעהנע מלבושים. דער אדמיראל האט איהם א קלאפ געטהון אין די פלייצעס און האט צו איהם געזאגט: „אט יעצט זעהסטו טאקי שוין אויס ווי א דייטשער קויפמאן”.

דער אדמיראל האט מאיר'לען אבגעגעבען אויף דער שיף א בעזונדערע קאיוטא, און האט בעפוילען איהם צו בעזארגען מיט אלעם, עס זאל איהם גאר נישט פעהלען. און וועגען אהיים פאהרען האט דער אדמיראל צו איהם אזוי געזאגט: „חאטש די מלחמה איז שוין אזוי ווי געקאנטשעט, און דער נצחון איז געוויס פון אונזער זייט, אבער דאך קאן זיין מיר זאלען זיך נאך מיט אונזערע שיפען גאנץ לאנג ארומשווימען אויפ'ן ים. אלזא איז די בעסטע עצה אזוי, דו וועסט דיך דא אויפהאלטען אויף דער שיף, ביז מיר וועלען זיך טרעפען מיט א שיף וואס געהט נאך „נידערלאנדיע”. דאן וועט מען דיך אבשיקען נאך „נידערלאנדיא”. און פון דארט וועט דיר שוין לייכט זיין נאך פרייסען צו פאהרען”.

מאיר'ל האט זעהר שעהן בעדאנקט דעם אדמיראל פאר זיין גוטץ וואס ער טהוט מיט איהם, און ער האט זיך אזוי אויפגעהאלטען אויף דער שיף גאנצע צוויי וואכען. דאן האט זיך די פרייסישע שיף געטראפען מיט א דאמפפער וואס געהט נאך „נידערלאנדיא”. די פרייסישע שיף האט געגעבען א סיגנאל אויפ'ן דאמפפער ער זאל זיך אבשטעלען, און דער אדמיראל האט געבעטען מען זאל דעם פאסאזשיר אבפיהרען נאך „נידערלאנדיא” און מען זאל איהם ארענטליך בעהאנדלען. בייס געזעגנען האט דער אדמיראל געגעבען מאיר'לען א פאפירעל פון 50 מארק אויף הוצאות און מאיר'ל איז אוועקגעפאהרען.

יעצט וועט מען שוין מאיר'לען אביסעל אבלאזען. לאז ער זיך פאהרען זיין וועגס, און מיר וועלען א קוק טהון וואס איז געווארען פון מאיר'לס פעלצעל מיט די צוואנציג טויזענד מארק, וואס דער פראנצויזישער זעלנער ראנטשאג האט ביי איהם צוגע'גנב'עט.

אזוי ווי די פראנצויזען האבען געזעהן אז דער פרייס האט זיך גענומען פעסט צו די קונצען, און שלאגט זיי אויפ'ן רעכטען אמת, האבען זיי אנגעהויבען צוזאמען ציהען אלע זעלנער, פון די אינזלען, פון די קאלאניעס, כדי זיי זאלען זיך קאנען פעסט אקעגען שטעלען קעגען פרייס. איז אויסגעקומען אז דער באטאליאן פראנצויזישע זעלנער וואס האבען זיך געפינען אויף דעם קליינעם אינזעל, וואו מאיר'ל האט זיך אויפגעהאלטען, זענען אויך געגאנגען אין דער מלחמה אריין. דער ראנטשאג האט זיך אנגעטהון פון אינטען מאיר'לס פעלצעל, און פון אויבען דעם זעלנערישען מאנדיר, אזוי נאך איז ער געגאנגען אין דער מלחמה אריין. דער סוף פון דעם באטאליאן זעלנער איז אויך זעהר נישט גוט געווען.

האלב

האַלב זענען אויסגעהרג'עט געוואָרען, און האַלב זענען געפֿאַנגען געוואָרען צו די פּרייסען. די פראַנצויזישע זעלנער וואָס זענען גענומען געוואָרען אין פלען צו די פּרייסען, האָט מען זיי ענטוואָפענט, און מען האָט זיי אַריינגעשיקט אין טיעף פּרייסען. פֿיעל האָט מען פֿערשיקט קיין פּאָזען און פֿיעל קיין ברעסלוי.

צווישען די פֿראַנצויזישע זעלנער, וואָס זענען אָבגעשטעלט געוואָרען אין ברעסלוי, האָט זיך געפֿונען דער זעלנער ראָנטשאַג מיט מאיר'לס פּעלצעל. דעם זעלנער האָט אַפֿילו נישט געחלום'ט, אַז אין דעם פּעלצעל ליגט בעהאַלטען צוואַנציג טויזענד מאַרק. דאָס איז זעלבסט פֿערשטענדליך, אַז חאָטש דער פּרייס האָט געגעבען עסען די פֿראַנצויזישע זעלנער, איז עס נאָר געווען אַבי זיי זאָלען נישט שטאַרבען פֿאַר הונגער. אַלזאָ פֿלעגען די פראַנצויזישע זעלנער אַרויס צו געהן אויף אַ פּלאַץ, ווען ס'איז געווען יריד אָדער מאַרג, און זיי האָבען פֿערקויפֿט פֿערשידענע זאַכען, וועלכע זענען נישט געווען פֿאַר זיי שטאַרק נויטיג, כדי זיי זאָלען האָבען עפּיס געלד צו צוצערען זיך צו די גוטע קעסט, וואָס זיי האָבען פֿון פּרייס בעקומען. אידלעך, שאַכערס האָבען זיך מיט זיי מטפּל געווען און האָבען אָנגעקויפֿט ביי זיי די חפצים. דערנאָך האָבען די שאַכערס פֿערקויפֿט די חפצים אין די געוועלבער אַריין.

ווען ראָנטשאַג איז געווען אין די מלחמה איז נאָך געווען קאַלט, האָט איהם דאָס פּעלצעל גענוצט. אָבער ווען ער איז געווען אין ברעסלוי איז שוין געווען וואַרעם, האָט ער אַרויסגעטראָגען דאָס פּעלצעל אויפֿ'ן מאַרג צו פֿערקויפֿען. אַ אידעל אַ שאַכער האָט עס ביי איהם אָבגעקויפֿט פֿאַר 10 מאַרק. נאָכ'ן מאַרג האָט דאָס אידעל אַריין געטראָגען דאָס פּעלצעל צום פֿערקויפֿען אין מלבושים געוועלב, וואָס משה'ל פּאָדריאַטשיקס ווייב האָט געפֿיהרט. זי האָט איהם געגעבען צוויי מאַרק ריוח און האָט צוגענומען דאָס פּעלצעל. אָבער אַזוי ווי די אויבערציג פֿון פּעלצעל איז שוין געווען צוריסען, און די מכה פֿון כנים האָט אויך דאָרט נישט געפֿעהלט, האָט די סוחר'טע בעשטימט דעם אויבערציג אינגאַנצען אָבצורייסען און אוועק צוואַרפֿען, און נאָר דאָס בלויסע פֿיטערעל אוועק צוהענגען צום פֿערקויפֿען.

בשעת דעם אָבצורייסען, האָט משה'לס ווייב דערקאַנט דעם מאָנאָגראַם פֿון מאיר'לס נאָמען, וואָרען זי אַליין האָט צוגעהאָלפֿען מאיר'לס ווייב מאַכען דעם מאָנאָגראַם. זי האָט שוין אָנגעהויבען דאָס פּעלצעל בעסער צו בעטראַכטען, און מיט גרויס פֿאַרזיכטיגקייט האָט זי דעם אויבערציג פֿאַמעלעך אַראָבגעטרענט. דאַן האָט זי דערזעהן עפּיס נאָך אַ שטיקעל אויבערציג איז צוגענייט צום פֿיטער. זי האָט דאָס אויך פֿאַמעלעך אָבגעטרענט, האָט זי געפֿונען די מנה יפה מיט דער צינק־מטבע פֿון איהר מאַנ'ס נאָמען, וואָס דער גריידיצער רב האָט די שותפים געגעבען אויף הצלחה. זי האָט גוט געדענקט דעם גריידיצער רבי'ס אָנזאָג, אַז וואָס די ווייבער וועלען בעקומען, סיי זאַכען, סיי געלד, פֿון זייערע מענער, זאָלען זיי תיכף דאָס צו איהם ברענגען. און אויף צו מאָרגענס האָט משה'לס ווייב איינגעפּאַקט דאָס פֿיטערעל מיט'ן שטיקעל אויבערציג פֿון דער מאָנאָגראַמע,

די

די פיער אסיגנאציעס צו פינף טויזענד מארק מיט די צינק-מטבע האט זי אויך מיטגענומען, און איז בסוד אוועק געפאהרען קיין גריידיץ.

די ביידע מעשיות, וואס מאיר'לס ווייב האט אוועקגעפיהרט קיין גריידיץ די חאלעווים מיט די פינף און צוואנציג טויזענד מארק, און וואס משה'לס ווייב האט אהינגעפיהרט דאס פיטערעל מיט די צוואנציג טויזענד מארק, איז געשעהן אין איין וואך. אזוי ווי מאיר'לס ווייב איז צוריק אהיים געפאהרען פון גריידיץ, איז ווייטער משה'לס ווייב אהינגעפאהרען קיין גריידיץ, אויפ'ן וועג האבען זיי ביידע זיך געטראפען, און איינע האט זיך געהיטען פאר די אנדערע, זאלען פון די נסים זעלבסט גאר נישט דערצעהלען איינע צו די אנדערע.

משה'לס ווייב האט דערצעהלט דעם גריידיצער רב, ווי אזוי זי האט דאס פעלצעל געקויפט, און פון וועמען עס שטאמט ארויס. דער היילינער צדיק האט צוגענומען ביי איהר דאס געלד מיט די צינק מטבע, זאגענדיג דערביי מיט א שמייכעל די ווערטער: „נו אז ביידע גנבות ליגען שוין ביי מיר, מעגען שוין ביידע שותפים טאקי אהיים קומען". משה'לס ווייב האט נישט פערשטאנען די רייד פון היילינען צדיק. זי האט ווייטער אנגעהויבען צו וויינען, וואס איהר תכלית וועט זיין. אבער דער היילינער צדיק האט זי באלד בערוהיגט, צוזאגענדיג, אז ביידע שותפים וועלען בקרוב צוזאמען אהיים קומען. זי האט זיך געזעגענט און איז באלד אהיים געפאהרען, שוין אביסעל מיט א פרעהליך הארץ, שפירענדיג, אז ס'איז שוין גאר נאהנט צו איהר הילף.

יעצט וועלען מיר צוריק געהן צו די ביידע שותפים משה'ל און מאיר'ל, און מען וועט א קוק טהון, ווי אזוי זיי האבען אהיים געוואנדערט, כמעט אזוי ווי אהן געלד, ווארען משה'ל איז ענטלאפען אינגאנצען נאר מיט צעהן פראנק, און מאיר'ל מיט פינפציג מארק, און אויף אזא ווייטען וועג איז דאס גאר קיין געלד נישט.

משה'ל איז אריבער די פראנצויזישע גרענעץ מיט די פראנצויזישע וואך בשלום, ווארען ער איז זיך געגאנגען גאנץ שטיללע, אלס זעלנער. אונטער מאראקא האט ער זיך איבערגעטהון ציוויל געקליידעט און איז אריין אין שטאדט. דארט האט ער שוין פריי אבגעאטהעמט. דאס ערשטע האט ער זיך גענומען א בריעף אהיים צו שרייבען. אבער דאס איז געוועזן אומזונסטע ארבייט. ווארען צוליעב די מלחמה איז פון יענע געגענדען אויפגעהאלטען געווארען די פאסט, וואס האט געדארפט אריינקומען קיין פרייסען. מיט דעם געלד וואס משה'ל האט געהאט ביי זיך האט ער זיך דערשלעפט קוים ביז צום סועדזקע קאנאל. דארט האט ער אנגעווארט אויף א פרייסישע שיף זאל איהם אדורכפיהרען דורך די דארדאנעלען קיין אייראפא. ער האט זיך קוים דערווארט אויף אזא שיף, און מיט גרויס נעבעט און געוויין האט ער קוים גע'פועל'ט ביים שיפס-קאפיטאן, ער זאל איהם אויפנעמען און אריבערפיהרען בחנם קיין אייראפא. דער שיפס קאפיטאן האט מיט איהם מיטלייד געהאט, אז ער האט פון איהם געהערט, ווי אזוי ער איז, אלס פרייסישער פאדריאטשיק מיטגעפאהרען אויפ'ן מלחמה פלאץ, און איז געפאנגען געווארען דורך די פראנצויזען.

די ים-רייזע האט געדויערט נאהנט פון א חודש צייט, און משה'ל איז אנ-

געקומען

געקומען אויף דער יבשה קײן רומעניען, אלץ אהן געלד. אין רומעניען האט ער זיך אנגעגעבען צו א װאהלטעטיגען פעראײן, װאס האבען איהם ארױסגעהאלפען, ער זאל קאנען פאהרען ביז פרײסען. משה'ל האט זיך אזױ דערשלאגען ביז די גרױסע פרײסישע שטאדט „קעלן". דארט איז ער װײטער געבליבען אהן א פרוטה מיט אבגעריסענע מלבושים, צוריסענע שטיװעל, װי א װירקליכער ארימאן. ער האט געזעהן אז ער האט נישט קײן עצה, האט ער זיך דארט װײטער אנגעהױבען צו בעטען בײ א װאהלטעטיגען פעראײן, זאלען איהם זײן בײהילפיג. װי געװעהנליך פעהלט נישט קײן זעלבע ביטעס אין די גרױסע שטערט, און משה'ל האט זיך אנידערגעזעצט אין דעם זאל פון דעם װאהלטעטיגען פעראײן, װי ס'קומען זיך צוזאממען די מענשען װאס בעטען פערשידענע הילפען.

מאיר'ל װײטער איז אנגעקומען מיט די בחנם'דיגע שיף קײן „נידערלאנדיע". פון דארט האט ער אנגעהױבען צו ציהען קײן פרײסען. מאיר'ל האט טאקי אױך אין „נידערלאנדיע" באלד אהײם געשריבען א בריעף, אבער צוליעב די מלחמה איז נאך אלץ קײן ארדנונג נישט געװען אין דער פאסט, װאס האט געדארפט ארײן קומען קײן פרײסען, אזױ אז מאיר'ל איז נאך פריהער אהײם געקומען װי זײן בריעף. דאס געלד װאס מאיר'ל האט מיט געהאט האט איהם אױך נישט לאנג געקלעקט, און אײדער ער איז נאך ארײנגעקומען קײן פרײסען, איז ער געבליבען אהן א פרוטה. מאיר'ל האט זיך אױך געמוזט װענדען אין עטליכע שטערט צו די װאהלטעטיגע פעראײנען, זײ זאלען איהם זײן בײהילפיג. און אזױ נאך האט זיך מאיר'ל דערשלאגען אױך ביז די גרױסע פרײסישע שטאדט „קעלן". דארט איז ער אױך װײטער געבליבען אהן א פרוטה, אבגעריסען, אבגעשליסען, װי א װירקליכער ארימאן. און ער האט זיך אױך געמוזט װענדען צו דעם זעלבען װאהלטעטיגען פעראײן װאס משה'ל האט זיך אנגעגעבען. מאיר'ל איז אױך ארײנגעקומען אין דעם זעלבען זאל װי משה'ל איז געזעסען צװישען אנדערע מענשען, װעלכע זענען געקומען בעטען הילף, און דארט האט זיך מאיר'ל אױך אנידערגעזעצט.

װארטענדיג אױף די פארשטעהר פון דעם װאהלטעטיגען פעראײן, זענען די אלע מענשען געזעסען און דערװײל געשמועסט צוזאממען װעלטס נײעס. צװישען זײ האט משה'ל א גרױסען אנטהײל גענומען. ער האט זיך צו יעדען אנגערופען און כמעט יעדען קריטיקירט. עפיס א קלײניגקײט נאך אזא װעלטס-רײזע װי ער האט דא געמאכט איז ער דאך געװארען א װירקליכער פאליטיקער. מאירלין איז משה'לס קול עפעס זעהר בעקאנט געװען. ער הױבט זיך אױף און געהט צו נעהנטער. גוט א קוק. עפעס א בעקאנטער. ער הױפט זיך זיך אהן גוט ארײנצוקוקען אין משה'לס פנים ארײן. משה'ל האט װײטער אױך באלד באמערקט, װי עפעס א בעקאנט פנים קוקט איהם אזױ שטארק אהן. זײ בײדע האבען זיך אנגעהױבען גוט אנצוקוקען אזױ װי צװײ הענער. אבער יעדער האט געשװיגען, מורא האבענדיג אנצורופען דעם אנדערענס נאמען, אפשר האט ער א טעות.

דאס געדולט האט אבער פלוצלונג געפלאצט און ס'איז געהערט געװארען

צװײ

צוויי הויכע אויסגעשרייען: משה'ל! מאיר'ל! דערביי איז באלד געוואָרען א גע־שריי צווישען פובליקום: „געוואלד! צוויי מענשען חלש'ן".

משה'ל און מאיר'ל זענען דורך די טענשען דערמינטערט געוואָרען. אַז זיי זענען געקומען צו זיך, האָבען זיך הערשט שלום גענעבען און האָבען זיך צוקישט מיט טרערען אויף די באקען. דער פערזיין האָט זיי שטיצע געגעבען, זאָלען האָבען אויף דער הוצאה ביז ברעסלוי. אָבער אז זיי האָבען זיך פינאנדער געשמיעסט און איינער האָט דעם צווייטען דערצעהלט זיין מגילה מיט'ן פעקעל צרות, האָבען זיי זיך מגלה סוד געווען איינער דעם אנדערען פון די גנבות. זיי האָבען שטארק בעדויערט וואס זיי האָבען עובר געווען אויפ'ן תקיעת כף, ווארען זיי האָבען גאנץ גוט פערשטאנען, אז נאר צוליעב דעם איז אויף זיי גע־קומען די גרויסע צרות. ביי זיי איז געבליבען זאָלען נישט פלוצלונג גלייך אהיים פאָהרען, נאר זיי זאָלען ביידע אהיים דעפעשירען, און זאָלען דעפויר פאָהרען קיין גריידיץ.

דער גריידיצער רב האָט זיי מקבל פנים געווען מיט גרוים שמחה. דאָס עלד האָט ער זיי איינגעטיילט און האָט צו זיי געזאָגט: „נו אצינד מעגט עטץ גטאקי ווייטער האנדלען בשותפות, ווארען איך בין שוין בטוח, אז עטץ וועט שוין נישט גנב'ענען איינער אונטערן אנדערן". די צוויי מטבעות אויף הצלוחה האָט ער אויך זיי צוריק געגעבען, און האָט זיי געהייסען באלד אהיים פאָהרען.

חען משה'ל און מאיר'ל זענען אהיים געקומען קיין ברעסלוי איז געווען ותהום כל העיר". אין אלע שטיבען האָט מען דערצעהלט זייערע נסים. זיי האָבען טאקי געפאָלגט דעם גריידיצער רב, און האָבען ווייטער געהאנדעלט בשותפות. אָבער גאר ערליך. דאדורך האָבען זיי טאקי שטארק מצליח געווען און האָבען אויסגעלעבט זייערע יאהרען מיט גרוים עשירות און מיט פיעל גוטץ.